STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06206

DURKH BLITS UN VOLKNS

Samuel Burshtyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סעמועל בורשטין

דורך בליץ און וואָלקנס

ניו־יאָרק, 1943

Copyright 1943
By SAMUEL BURSHTYN
New York, N. Y.

369

סעמועל בורשטין

געצייכנט פון מאַלער י. מאַלאַמוד.

.1
אַן אײנגעלאַדענער גאַסט

אין דעם אינסטיטוט פון מאָדערנעם געדאַנק האָט דר״ דוד לייב הירשפוקס אין זיין פאָרענדיקן פאָרטראָג:

— נאָך דעם וויסנשאַפטלאַכן באַגריף איז די וועלט אָן אייביג־קייט, אָן אָן אָנפאַנג, אָן אָן ענד. די קרעפטן פון דער אייביגער נאַטור זענען אימער אין אַ דראַמאַטישער ווירקונג פון געגן און דער־פאַר, פון אויפנעם און צוריק־שלאַג, פון האַרמאָניע און דיסהאַרמאָ־ניע, פון פיינדשאַפט און פריינדשאַפט, פון ליבע און פון האַס.

— דורך דער לופט — און דורך דער ערד, דורך דעם אוניווערס, — און דורך אַלע פּלאַנעטן — און זון, לבנה, הימל, שטערן — ווירבלט זיך אָן אייביגער קאַמף, אָן אייביגע מלחמה, און די וויסנ־שאַפט קען נישט באַשטימען דעם רעזולטאַט פון דעם דאָזיגן קאַמפּ־לעקס, און קען אויך נישט באַשטימען די מאָראַל און דעם צוועק פון דער געוואַלטיגער אייביגער נאַטור אין אַלגעמיין.

דאָ האָט דר״ דוד לייב הירשפוקס פאַרענדיגט. די תלמידים זענען געבליבן צופרידן — און אויך געפרעגט אייניגע פראַגן. די תלמידה מרים פּערספּעקט האָט געפרעגט: — צי קענען מיר דעם מענטשן פאַרגלייכן צו די אַלע עלעמענטן פון נאַטור און וועלט? און אויב יאָ, וועט דאָך דער מענטש אויך אייביג זיין מיט מלחמה־גע־פיל, — און צי איז דער מענטש אַ געשאַף וואָס האָט נישט קיין פאַר־גלייך מיט די אַלע עלעמענטאַרע קרעפטן פון נאַטור און וועלט?

משה אהרן קאַמפּאַס האָט געפרעגט: — צי קען ישעיה הנביא׳ס נבואה פאַרווירקלאַכט ווערן? — אָדער וועט פאַרבלייבן אַן אייביגע פאַנטאַזיע פון נישט דערגרייכטע באַגערן?

דבורה דערלאַנגער האָט געפרעגט: — ווי קומט דאָס, וואָס דער

מענטש מיט אַלע זיינע צערטלאכע געפילן פון מיטלייד און איידלקייט האָט אויך מאָמענטן פון בייז און שלעכטסקייט? אַזוי ווי אין דער בלינדער אומבאַרעכנטער נאַטור פון געוואַלט און פאַרניכטונג, וואָס האָט קיין יושר פאַר מאָראַל און מענטשלאַכן צוועק . . .

דר' דוד לייב הירשפוקס האָט געגעבן אַ טרונק פון זיין גלאָז רויטן וויין. (דער פאַרערטער לעקטאָר מוז אַלע מאָל האָבן אַ גלאָז וויין פון גוטער קוואַליטעט ביי זיינעם אַ פאַרטראָג).

— נון, ליבע פריינד, — פאַנגט דער רעדנער אָן צו געבן זיינע ענטפערס, — דעם מענטשן קענען מיר האַלב פאַרגלייכן צו דער עלעמענטאַרער נאַטור, און האַלב איז דער מענטש איבערמענטשלאַך, איבער נאַטור און עלעמענט, דער מענטש האָט באַוואוסטזיין, איז באַוואוסטזיניג, האָט גייסט, האָט נשמה, האָט זעלע און כאַראַקטער פון דענקערישער קאָנצענטראַציאָן, און אַזוי ווייטער . . . מיר קע־נען אָנרופן די אַלע גוטע אייגנשאַפטן פון דעם מענטשן: „געטלאַ־כע דערגרייכונגען". אַלעס וואָס איז געטלאַך — איז אויך גוט, און פאַרקערט. ווען דאָס אידישע פאָלק און מאַנכע אַנדערע פעלקער קומען אין די טעמפלען, זינגען זיי אין די לויב־געזאַנגען צו גאָט: — דו ביסט גוט, דו ביסט יושר'דיג, און די פעלקער דערוואַרטן דורכאויס דאָס גוטע, און מענטשלאַך־גערעכטע, אין בעסטן באַגריף פון וואָרט . . . גאָט היילט, מאַכט געזונט, פאַרגיט זינד, און שאַפט אַלדאָס גוטע וואָס אַ מענטש באַגערט.

דאָס לעבן איז נישט אייביג מיט מלחמה געפילן, וויל מיר ווייסן אַז פילע עפּאָכן, פעריאָדן, זענען פרידלאכע, שלום'דיגע, שעפ־פערישע, אָבער פון צייט־צו־צייט פאַרלירט זיך דער ריכטיגער לעבנס־קאָנטאַקט און ווערט פאַרוואַנדלט צו די עלעמענטאַרע באַרבאַרישע פאַרניכטונגס־קרעפטן, עס איז אַלזאָ — אַראָפּ פון ריכטיגן וועג, עס זענען אָבער פאַרמיידלאכע עקסידענטן פון לעבן.

— און צי קען ישעיה הנביא'ס נבואה פאַרווירקלאַכט ווערן?

— גאָר זיכער קען די נבואה מקוים ווערן, אָבער דערביי מוז די מענטשהייט שפּילן די גרויסע ראָלע אין דער דאָזיגער דערגרייכונג.

— נון, די פראַגע פון דבורה דערלאַנגער: — אין דעם מענטשנס נאַטור זענען דאָ צוויי אייגנשאַפטן פון גוטס און שלעכטס, פון צערט־לאַכקייט און פון בייז, איז דער מענטש איבער זיך געוואַקסן און קען רעאַגירן אויף די צוויי קאָנטראַסטן — קען ער דאָס שלעכטע פאַר־

ניכטן אין זיך — און דאָס גוטע און צערטלאַכע באַלעבן — און אויב ער איז נישט געוואַקסן איבער זיך — אויף דער דאָזיגער מדרגה — קען ער לייכט ווערן דער שקלאַף פון שלעכטס און בייז — און ווערט איבער זיך נישט האָבן דעם נויטיגן קאָנטראָל.

נאָך די דאָזיגע ענטפערס האָבן די תלמידים עטוואָס אַפּלאָדירט און זענען זיך געלאָזן און רואיג פאַרנאַנדער געגאַנגען. דר" הירש־פוקס האָט אין אַ זייטיגן שפּאַציר איינער אַליין זיך באַגעבן אַהיים צו זיין שיינער יונגער ווייבל ווענען ער האָט אַ נאָמען געגעבן: — אוני־ווערסיאַ פּאַטראָנאַטאַ.

אין דער היים איז שוין געווען צוגעגרייט אַ פיינער טיש מיט גוטע מאכלים, אַ געבראָטענעם אינדיק מיט אַפּעטיטלאַכע פּראָדוק־טען פון גוטן סאַלאַד, פרוכט קאָמפּאָט פון זיס און זויער, אַ פלאַש רויטער באָרדאָ וויין, און אַ פלאַש ווייסן סאָטורנער, און נאָך אַ רייע ספּעציאַליטעטן.

צו דעם מאָלצייט איז פאַרבעטן „פּראָפעסאָר שלאָגוואָרט" פון דער גרויסער אוניווערזיטעט, ער איז אַ נייער מענטש אין שטאָט, ער ווערט דערוואַרט אין איינציגע מינוטן, דערוויל האָט דר" הירשפוקס אומאַרעמט זיין שיינע יונגע ווייבל און זי באַגריסט מיט אַ בוקעט פון צוועלף בלומענדיגע קושן — וואָס זיין ווייבל רופט עס אָן — טעלעגראַפישע צערטלאַכקייטן . . . אַ מיין געליבטע אוניווערסיאַ! ווען נישט דער באַרבאַריש כאַאָטישער מאָמענט פון אונזער צייט ווי קיין פאָלק און קיין מענטש איז נישט זיכער מיט זיין לעבנס־עקזיסטענץ, עס דריקט מיין האַרץ אַ טיפע לייד אויף די געפאַלענע קרבנות פון אונזער אוממענטשלאַכער וועלט, מיר אַלע אידעאַליסטן פון פאַרגאַנגענהייט און געגנוואַרט האָבן זיך קיין מאָל נישט פאַרגע־שטעלט אַזאַ שלאַנגען־אַרטיגן קאָנפליקט פון דעם דאָזיגן מלחמה'דיגן פּראָצעס, ווי זענען די אַלע קולטורן מיט די גרויסע גייסטער פון קונסט און געדאַנק, פון וויסנשאַפט און הומאַניטעט, דאָס אַלעס איז געוואָרן אָפּגערוקט אין אַ זייט, און די שלאַכט פלאַקערט דאָס פייער פון פאַרניכטונג . . .

עס הערט זיך אַ מוזיקאַלישער קלאַנג ביים טיר, און — „פּראָ־פעסאָר שלאָגוואָרט" קומט אַריין, אַ הויך געוואַקסענער יונגער מאַן, אַ פיין לענגלאַכעס געזיכט, ווייסע צערטלאַכקייט אין קאָליר, טראָגט

אויגן גלעזער, דורכזיכטיג זעען זיך שיינע בלויע אויגן, פיזאָנאָמישע שטריכן באַגעבן פילע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען — אַ גוטן אָוונט מיינע ליבע פריינד, באַגריסט דער פּראָפעסאָר. אַ גוטן אָוונט,

— ליבער פּראָפעסאָר; איר זייט אונז באַגערט מיט טרייער פריינטשאַפט.

— אין זעלבן גלייכן געפיל און געדאַנק בין איך צו אייך — ענטפערט פּראָפעסאָר שלאָגוואָרט.

אוניוועערסיאַ ווערט טיכטיג און באַרופט באַלד צום געגרייטן טיש. דער אָנפאַנג באַגינט מיט אַ שטאַרקן באַווירקונגס געטראַנק — פאַר דעם גליק — און פאַר דעם זיג און טריאומף פון אַלע גוטע מענטש־לאַכע אידעאַלן — און פאַר אַ נייער וועלט פון גערעכטיגקייט און יושר.

אוניוועערסיאַ האָט זיך פּונקט געזעצט קעגן איבער דעם פּראָ־פעסאָר, צו קענען שטודירן די געהיימע שטריכן פון זיין רעטזועל־האַפטע פיזאָנאָמיע. מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן אַז אוניוועערסיאַ פּאַטראָנאַטאַ האַלט זיך פאַר אַ גרויסע עקספּערטן פון פיזאָנאָמיע קול־טור — פון מענטשלאַכן געזיכט — און האָט זיך זעלבסט פילע יאָרן קאָנצענטרירט אויף דעם דאָזיגן געביט.

דר" הירשפּוקס האָט גוט פאַרשטאַנען און באַגריפן זיין פרוי'ס אייגנשאַפטן און פאַראינטערעסירטקייט.

— נון, פּראָפעסאָר, אַ גלאָז וויין — פילט דר" הירשפּוקס די גלעזער, — מיר מוזן טרינקען, פאַרגעסן עטוואָס אונזער שווערע צייט — אָבער זיך נישט פאַרלירן . . .

— פאַרגעסן קענען מיר נישט, — ענטפערט דער פּראָפעסאָר, — אָבער אַזוי ווי שלאָף איז נויטיג — אַזוי איז אויך נויטיג פון צייט־צו־צייט צו באַפרייען אונזער געוויסן פאַר נייער קראַפט — און צו נייער קאָנצענטראַציאָן.

אוניוועערסיאַ האָט אויף אים געגעבן אַ טיפן איינדרינגלאַכן בליק און צוגעגעבן, אַז אַזוי ווי דער שלאָף איז אַ נויטווענדיגקייט פאַר דעם באַטירלאַכן געזונט און גייסט, אַזוי איז אויך אַ נויטיגקייט פון צייט-צו־צייט זיך עטוואָס צו באַצווינגען און באַפרייען פון זאָרג און געוויסנס לייד — אויף ווי ווייט מיר קענען דאָס מער אָדער ווייניגער דורכפירן. פּראָפעסאָר שלאָגוואָרט האָט צופרידן געוואָרפן אַ טיפן

אײַנבליק אויף אוניוועָרסיאַ און דר״ הירשפּוקס פֿאַר דעם האַרמאָנישן אײַנקלאַנג מיט זײַן געדאַנק — און האָט פֿאָרגעזעצט — די לײַדן פֿון אונזערע נאָענטע באַרירן די געפֿילן צום ערשט, — ווי ווײַט מיר זאָלן נישט זײַן אידעאַליסטיש — אָבער דאָס מײנט נאָך נישט אַז די אומגליקלאַכע סיטואַציע פֿון ווײַטע לענדער און פֿרעמדע פֿעלקער־מענטשן — זאָלן אונז נישט שטאַרק באַרירן, און מעכטיג באַווירקן — אין געפֿיל, אין כאַראַקטער. דר״ הירשפּוקס האָט מיט אײן מאָל געגעבן אַ טרינק אויס אַ פֿול גלאָז ווײַן און באַמערקט — יאָ, מיר לײַדן אויך וועגן אַלעמען — וועגן וואָס עס פּאַסירט אין דער ווײַט, און וועגן וואָס עס פּאַסירט אין דער נאָענט — פֿרעמדע, באַקאַנטע — אַלע זענען מיר אײן פֿאַמיליע — און דערבײַ האָבן מיר נאָך אײגענע פּערזענלאַכע לײַדן וואָס האָבן נאָר דורכאויס צו טאָן מיט דעם כאַראַקטער פֿון סוביעקטיווער אינדיווידואַליטעט.

אוניוועָרסיאַ האָט גענומען צושנײַדען דעם געבראָטענעם אינדיק און צוגעגעבן — אַז עס איז אַ וועלט וואָס מוז ווערן איבערגעשאַפֿן פֿון גרויסע מײַסטער.

פּראָפֿעסאָר שלאָגוואָרט האָט אָנגעפֿאַנגען עסן דעם געבראָטענעם אינדיק און אויסגערופֿן מיט טעמפּאָ — מיר האָבן דיפּלאָמאַטן, פּאָליטיקער, רעגירונגס־עקספּערטן, מיליאָנען באַאַמטע און דאָך קענען זײ זיך קײן מאָל נישט אַרויסדרײען פֿון די אומגעווינטשטע קאָנפֿליקטן — מוזן מיר זיך פֿרעגן וואָס וועט זײַן דער תכלית און רעזולטאַט?

אוניוועָרסיאַ וויל אָפּהאַלטן דעם אָנגעשטרענגטן געשפּרעך.

— זאָגט מיר פּראָפֿעסאָר; ווי געפֿעלט אײַך דער אינדיק?

פּראָפֿעסאָר שלאָגוואָרט גיט זיך אַ באַוועגלאַכן דרײַ ווי פֿאַר אַ נײַע ווענדונג, און באַמערקט: — איך קען אײַך זאָגן מאַדאַם אוניוועָרסיאַ, אַז דאָס איז דער בעסט געבראָטענער אינדיק וואָס איך האָב אַמאָל ווען עס איז געגעסן, דאָ איז דאָ אַ געהײמע באַהאַלטענע ספּעציאַליטעט אַזוי ווי בײַ דעם פֿראַנצויזישן שאַמפּאַניער — און ווי בײַ די בעסטע באַרופֿענע ליקערן פֿון פֿראַנקרײַך — זאָגט מיר ווי האָט איר שטודירט דעם געביט? און וואָס אַ פֿאָרמולע גיט איר וואָס באַשאַפֿט אין אײַערע מאכלים אזא אויסערגעווײנלאַכע פֿײַנקײט פֿון ן־עדבדיגע הנאה

אוניווערסיאַ און דר״ הירשפוקס האָבן געשמייכלט צופרידן און דערקלערט — אַז דאָס זענען רעזולטאַטן פון אייגענע עקספּערימענטאַלע שטודיומס — און אַ פּראָצעס פון אייגענער ספּעציאַליזאַציע.

פּראָפעסאָר שלאַגוואָרט האָט זיך געגעבן אַ גלעטביים שטערן און באַמערקט — אַז דאָס איז פון גרויסע באַדייטונג, אַז אין דער צוקונפט וועלן די מענטשן יום־טוב׳ן דעם גענוס פון אַלע מעגלאַכע אייגנשאַפטן וואָס וועלן ווירקן פאַר געזונט און פאַרגעניגן — דעמאָלט וועט אויך דער גענוס אין אַלגעמיין ווערן דראַמאַטיק פון רעליגיעזן קולט.

דר״ הירשפוקס האָט זיך עטוואָס צעלאַכט — פּראָפעסאָר; איר האָט קוריאָזע געדאַנקען . . .

אוניווערסיאַ האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אין אַ דערמאָנונג — עס איז איצט זיבן דרייסיג, דער פאַנטאַסטישער היסטאָריקער איז אויף דער ראַדיאָ.

דר״ הירשפוקס גיט אַ פלינקן שפּרונג — און שטימט אָן דעם אינסטרומענטאַלן אַפּאַראַט. אין אייניגע סעקונדן דערהערט זיך אַ לויטערער שטים פון לירישער קלאַנג־טענאָראַרטיג.

— מיינע פריינד! מיינע צוהערער! דאָס רעדט צו אייך דער פאַנטאַסטישער היסטאָריקער — און דערציילט אייך — באַגלויביגע און אומבאַגלויבטע געשיכטן. איר ווייסט דאָך שוין נאַטירלאַך אַז גאָט האָט געשאַפן די וועלט, יאָ איר ווייסט — פאַר די וועלט באַשאַפונג — איז אַלעס געווען וואַסער, און גאָט איז געשווימען אַהין און צוריק, אַלעס איז געווען ים . . . מיר קענען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ ריזיגער ים מחבל, אַ דורכאויס וואַסערדיגע וועלט, אָן באַשעפענישן — איז עס נאַטירלאַך געווען לאַנגווייליג, אַפילו פאַר גאָט אַליין, דעם רבונו של עולם, אַלזאָ — האָט גאָט באַשלאָסן צו געשטאַלטן און באַמעכטיגן אַ ספּעקטאַקל וועלט — ווי עס וועט זיין אינטערעסאנטער און דראַמאַטישער ווי אין א תהו ובוהו, ווי אין א הו־האַ פון נישטיגקייט, ווי אין אַ הו־האַ פון עקזיסטענצלאָזיגקייט, און גאָט׳ס וואָרט האָט גענומען דונערן מיט מעכטיגער געוואַלט און באַפעל — זון, לבנה, הימל, שטערן, פלאַנעטן, לעבענדיגקייט — וועלט־אַל, אוניווערס, — און גלייך האָט זיך אָנגעהויבן צו באַמייסטערן אַ נייע וועלט אָנשויאונג, פאַרשידענע פּרעכטיגע פויגלען און

קאַנאַריקן האָבן אָנגעהויבן צו זינגען און מוזיצירן אין אַן אַלגעמיי־נעם כאָר אין אָרקעסטער, גרינע וועלדער און ביימער זענען אַרויס געשפּרונגען פון אונטער דער ערד און האָבן זיך געשאָקלט מיט לויב געזאַנגען חדש־חדש־חדש — פיל פאַרביגע קאָליראַרטיגע בלומען גרופּען און גערטנער האָבן זיך דעקאָראַטיוו געגעבן אַ באַוויז אַרום און אַרום, גרינע גיגאַנטישע בערג האָבן זיך געגעבן אַ צוליג מיט ברייטקייט און וועלטלאַכן פאַרנעם. מיליאָנען פרוכט גערטנער און פּראָדוקטיווע פעלדער האָבן זיך געגעבן אַ באַוויז אין אַלע זייטן און מקומות . . . פאַלגלאַך — אין פאַרשידענע פונקטן האָבן זיך געווארימט אונטער דער זון די פּראַטאָפּלאַזמען פון די פאַרשידענע קומענדיגע פעלקער פון דער צוקונפט — די הויפּט ראָליסטן פון דער וועלטלאַכער דראַמאַ. און גאָט האָט אַרום געבליקט אויף דעם קאָ־לאָסאַלען בילד, אויף די פיל באַדייטענדע אורפּלאַנצן פון דעם פעל־קערישן רייך — האָט זיך געטראַכט — עס וועט זיין אינטערעסאַנט... עס דאַרף זיין אינטערעסאַנט . . .

עס זענען זיך דאָ און דאָרטן — עגיפּטער, באַביליאָנער, דאָס אַי־דישע פאָלק, עטוואָס ווייטער די גריכן, און נאָך אַ רייע פעלקער. איבער דעם האָריזאָנט זענען זיך די אַזיאַטישע פעלקער, און סימפּ־טאָמען פון נאָך פעלקער און נאַציאָנען פון פאַרשידענעם זשאַנר און כאַראַקטער.

קאָנטינענטן און לענדער האָבן זיך אָנגעהויבן רינגלען און באַ־גרענעצן פאַר דער געוויסער איינשטעלונג. פאַר דער בינע און וועלט טעאַטער — און פאַר דעם ספּעקטאַקל פון דער צוקונפט . . . און עס איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק פון צווייפל — וועט אויך זיין אַ מעגלאַכער שלום און פרידן ביי די פאַרשידענע סאָציאַלע עלעמענטן און פעלקער?

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ געווירבל, אַ שטורם, עס האָט זיך געהערט אַ דונערן, און בליץ און וואָלקנס האָבן זיך געוויזן אין דער הויך, און שטימען האָבן זיך געוואָרפן אין דער לופט — שלום, קריג, פרידן, קאַמף, מלחמה, מיר זענען איבער אַלעם . . . מיר זענען אונטער אַלעם . . . מיר וועלן זיגן . . . מיר וועלן . . . מיר זענען פאַר זיך . . . מיר זענען געגן אייך אַלעמען . . . מלחמה . . . מלחמה . . . פאַרניכטונג . . . קאַמף . . . זיי וועלן זיגן — — — מיר וועלן זיגן — — — קאַמף, קריג, שלום, זיג.

דאָ האָט זיך גאָט אַליין באַלד דערשראָקן פון דעם ווירבלדיקן געפּילדער און אוממענטשלאַכן כאָאָס — גלייך ביי דעם אורפּלאַנץ פון פּעלקערישן געבורט, און גאָט האָט זיך זעלבסט געפרעגט: וועל איך קענען זיין דער גרויסער רעזשיסאָר פון דעם צוקונפטיגן וועלט ספּעקטאַקל? פון דעם צוקונפטיגן וועלט טעאַטער? וועט די מענטשלאַכע און וועלטלאַכע דראַמע דערגרייכן דעם ריכטיגן רעזולטאַט? דעם אייגענטלאַכן ציל און צוועק — און האָט געגעבן א מעכטיגן רוף אויס — אַז אַלע הימלען האָבן געציטערט — מיר וועלן זעען . . . מיר וועלן זעען . . . און דער עכאָ האָט געענטפערט — מיר וועלן זעען... מיר וועלן זעען . . .

דאָ האָט זיך געהערט אַ מוזיקאַלישער קלונג — און דער פאַנטאַסטישער היסטאָריקער האָט פאַרענדיגט — שטימט אָן אייער ראַדיאָ — יעדן מיטוואָך און שבת אָוונט — זיבן דרייסיג — איך דאַנק אייך.

ביים טיש האָט זיך שוין געפינקלט דער ברוינער טערקישער קאַפע אין די פיינע ענגלישע פאָרצעלאַן אָביעקטן, פּראָפעסאָר שלאָגוואָרט האָט געדרויכערט פון זיין קוריאָזע עלפענביינערנע ליולקע וואָס ער האָט באַקומען אַ מתנה פון א כינעזישן געלערנטן, דער בלויער רויך האָט זיך אײדל געדרייט און פאַרשווינדן אין דער אטמאָספערע, דר״ הירשפּוקס האָט געפרעגט דעם פּראָפעסאָר; וואָס איז אייער מיינונג איבער דעם פאַנטאַסטישן היסטאָריקער?

דער פּראָפעסאָר האָט זיך צעלאַכט — און דערווידערט: איך האָב וועגן אים אויך אַ פאַנטאַסטישע מיינונג — אַזוי אומבאַשטימט און אַזוי אומזיכער ווי זיין פאַרטראַכטע לופט געשיכטע.

אוניווערסיאַ האָט געשמייכלט און צוגעגעבן אז עס איז דאָ מיליאָנען לופט געשיכטן וואָס זענען אומבאַשטימט און וויט פון זיכערקייט און דאָך האָבן זיי אויך מיליאָנען גלויביגע און צוהערער.

— אַלזאָ, פּראָפעסאָר; מיר וועלן אייך נעמען אויף אַ שפּאַציר אין אונזער אויטאָמאָביל — האָט אוניווערסיאַ געזאָגט אין אַ העכערן טאָן, מיר וועלן אביסל אַרום פאָרן אין די גערטנער פון אייביגן גליק... דאָס איז דער נאָמען פון שטאָט גאָרטן וואָס שטרעקט זיך אויף פילע מיילן וועגס אין די לענג, און אין דער ברייט, און איז אויך פאַקטיש פאַראייניגט מיט אַ גרופּע גערטנער אין איין האַרמאָניע פון וואונ־

דערלאַכע געשטאַלטן און פאָרמען, בערגיגע דערהויבונגען, און טיף דרינגלאַכע טאָלן, און אַלעס איז איצט געהילט פרילינגס גרין, בוימער און בלומען פון פאַרשידענע וועלט טיילן, מיר קענען זיכער באַטיטלען דעם פּאַרק — „גאָרטן מוזעאום פון דער וועלט". עס זענען דאָ גע-קומען די גרעסטע קונסט מאָלער שטודירן די פאַרבן און קאָלירן פון די וואונדערלאַכע פּרעכטיגע בלומען וואָס פאַרברייטן אַן אַראָמאַט פון סימפּאַנישע דופטן, פּערפומען, אין דער לויטערער אַטמאָספערע.

דר" הירשפוקס האָט צוגעגרייט דעם אויטאָמאָביל און אוניווער-סיאַ מיט דעם פּראָפעסאָר האָבן גענומען פּלאַץ אין פאָרנט. דר" הירשפוקס אין בעקסטן אינערן. די וועגן וואָס פירן פאַרביי צום פּאַרק זענען גאָר קאָמפּליצירט אין געדיכטע ליניען, און אוניווערסיאַ פּאַטראָנאַטאַ איז אויך אַן עקספּערטן אויף דיריגירן אַן אויטאָמאָביל — אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין.

זי האָט אויף זיך גענומען דעם בייעם זומער מאַנטל וואָס איז דורכגעוועבט מיט גרינע און בלויע זיידענע באַצירונגען, און אויפן קאָפּ אַ זומער לענגלאַכן הוט פון מענערישער פאָרם.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך געדרייט אין אַ הערמאָנישן זיכערן טאַקט, קענטיג אַז דער אויטאָ איז פון מאָדערנער נייעסטער טעכניק, קענטיג אַז די פירערין איז אַ טעכנישע מייסטערין פון בויטיגער דערפאַרונג — אויך אויף דעם געביט.

זיי זענען פאַרביי געפאָרן פאַרשידענע קוריאָזיטעטן פון נאַטור און לאַנדשאַפט, רויגע מאַיעסטעטישע שפּיגל וואַסערן — טייכן — פון בלוי און גרין, אַרטיסטישע פאַנטאַנען, מייסטעריש געשאַפן פון די גרעסטע קינסטלער און טעכניקער, די שטרוים קוואַלן פון די פעלזן בערג אַרום האָבן מוזיקאַליש געקלונגען און זילבן-פּראַזירט אין דעם אַלגעמיינעם כאָר פון געהיימניס אין דער טיפער קאָמפּלי-צירטער רעטזעלהאַפטער נאַטור. פויגלישער געזאַנג און טאָן גע-ווירמעל פון אומבאַגרייפלאַכן זין און געדאַנק האָבן אַרום און אַרום דורך געקלונגען אין דער שטילקייט, אין דער אומאויסדריקלאַכער פאַרבענקטקייט. פּראָפעסאָר שלאָגוואָרט איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער — אָדער אַ פאַרטרוימטער? און געדרויכערט פון זיין ווייס עלפּענ-ביינערנע ליולקע. דר" הירשפוקס האָט אַרויפגעבליקט צו דעם שיי-נעם אויסגעשטערנטן לויטערן הימל — און צו דער רעטזעלהאַפטי-

גער געשטאַלטיקייט פון דער צוטרעפלאכער לבנה, וואָס געוועל־טיגט מיט אַזאַ קלאַסישער רואיגקייט. עס איז קיין צווייפל אַז דר״ הירשפּוקס וויל דאָ עטוואָס אַרויסמייסטערן אייניגע דערפאַרונגען — פון דער מימיק און פיזאָנאָמיע פון לבנה־שיין געזיכט — אַזוי ווי די אַרכעאָלאָגן זוכן צו דערגרונדן מעגלאכע געשיכטלאכקייטן אין דער ערד. דאָך — מיר קענען אים זיכער נישט האַלטן פאַר קיין אַס־טראָנאָם, ווייל דאָס איז ער נישט, ער וויל זיכער דאָ קאָנצענטרירן און באַגרינדן אַ רייע געדאַנקען וואָס ער זאָל צו מאָרגנס קענען דע־מאָנסטרירן פאַר זיינע באַגעבענע תלמידים — און גלייכצייטיג אויך האָבן דעם געוואונטשטן דערפאָלג.

דאָ האָט אוניווערסיאַ געגעבן אַ שטעל אָפּ דעם אויטאָמאָביל, דער פונקט געגנט איז דאָ פון אַ ווייטער גרויסער האָריזאָנטאַלער אויסזיכט, און ביידע — דער פּראָפעסאָר און דר״ הירשפּוקס — זענען געוואָרן ווי דערוועקט פון אַ טיפן שלאָף. אוניווערסיאַ איז ריטמיש און איידל אַרויס פון דעם אויטאָמאָביל און געמאַכט אייני־גע גימנאַסטישע באַוועגונגען צו פאַרטרייבן די אָנגעשטרענגטקייט, אַזוי זענען אויך אַרויס אונזערע צוויי היימישע פאַמיליאַרען. דער־נעבען איז געווען אַ זיץ־פלאַץ פון ווייסן מאַרמאָר. אַזוי האָבן אַלע דריי פאַרנומען דעם געוואונטשטן אָרט. אוניווערסיאַ האָט גע־פלעמעלט און פאַרצויגן אַ סיגאַרעט וואָס האָט געבליצט אין דער נאַכטיגער שטילקייט — און דר״ הירשפּוקס האָט אָנגעפאַנגען נאָך אַ לאַנגן שווייגן — וואונדערלאכע נאַטור; דאָ ווועלן מיר אפשר קיין באָמבען־עראָפּלאַן נישט זעען פאַרביי פליען — אָבער אין אונזערע געדאַנקען, און אויך אין אונזער געוויסן, זעען מיר, ווייסן מיר, וואָס אויף פאַרשידענע וועלט־טיילן קומט איצט פאָר . . . אין אַזאַ מאָ־[illegible]ט וואָס מיר קענען דורכלעבן אין אָט־אָ־די אַטמאָספערע ביי נאַר־מאַלע סיטואַציע וועלן מיר שוין היינט דאָ נישט האָבן, איך האָב — אָט־דאָ — אויף דעם פרעכטיגן פלאַץ דורכגעלעבט גרויסע מאָמענטן, דאָ זענען מיר קלאָר געוואָרן פילע פאַרוואָלקנטע פראַגן און ענט־פערס, דאָ האָבן זיך ביי מיר פילע פּראָבלעמען רעאַליזירט, דאָ האָב איך געשריבן מיין דיסערטאַציע וואָס איך האָב צו פאַרדאַנקען — מיין טיטעל דר״ פילאָלאָגיע.

פּראָפעסאָר שלאָגוואָרט האָט פאַראינטערעסירט זיך געגעבן

אַ רירענדיגן באַוועג און באַמערקט — עס איז אַלזאָ אַ היסטאָרישער פלאַץ פאַר אייך, אַ גוטע דעראיבערונג, אָבער די שווערע צייט וועט דורך, און די מענטשן וועלן ווייטער קענען רואיג טראַכטן און דענ־קען מיט אַ לויטערן געוויסן און געפיל.

אוניוורסיאַ האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף פון פלאַץ און אַנ־געפאַנגען מיט טעמפאַ און פייער — אָבער נישט ביי אונזער גע־נעראַציאָן, די פאַסירונגען און אומגליקן, די פאַרלוסטן פון מענטש־לאַכע לעבנס, די מלחמה קאַטאַסטראָפע וועט פילע יאָרן דריקן דעם מענטשלאַכן געוויסן און געפיל — און די צוקונפטיגע דורות וועלן נאָך לאַנג האָבן צו ליידן פון דעם דאָזיגן געוואַלטיגן קריג.

דר״ הירשפוקס באַווירקט און איינפאַרשטאַנען מיט זיין יונ־גער ווייבל האָט אָנגעפאַנגען רעדן מיט נאָך מער טעמפאַ — האָבן זיך אונזערע מענטשן פון דער פאַרגאַנגענער צייט געקענט אַ מאָל פאַרשטעלן אין דער פאַנטאַזיע אַפילו — אַז עס וועלן קומען צייטן ווען לופט פלאַנען וועלן וואַרפן דינאַמיט באָמבען אויף די קעפּ און עקזיסטענץ פון לעבעדיגע באַשעפענישן, און חרוב מאַכן שטעט און דערפער, פאַרניכטן מי און אַרבעט, ציוויליזאַציע, קולטורן, וואָס האָבן געדויערט טויזנטער יאָרן פון בויטיגער פּרעזערוואַציעס און אַנטוויק־לונג.

פּראָפעסאָר שלאָגוואָרט, טיף באַווירקט און גערעגט, דערווי־דערט — זייט זיכער — אַז די מלחמות וואָס האָבן אָנגעפאַנגען די דאָזיגע טאַקטיק, די אורגעוואַלטן וואָס זענען אַרויס אויף אַזאַ וועג האָבן זיך שוין פאַרצייכנט אין דער וועלט-געשיכטע אויף אַלע צייטן און אייביגקייטן — און דאָס צוקונפטיגע וועלט־געריכט וואָס וועט ווערן געשאַפן נאָך דער דאָזיגער מלחמה — וועט דאָס מוזן אויפ־נעמען מיט די געוואונטשטע פּערספּעקטיוון פון בויטיגער מאַכט און קראַפט — און די שולדיגע וועלן זיכער באַשטראָפט ווערן — און ריכטיג פאַראורטיילט ווערן אויף אַלע צייטן.

אוניוורסיאַ האָט געבליקט אין דער ווייטקייט און געמורמלט: באַשטראָפט ווערן — די שולדיגע וועלן באַשטראָפט ווערן . . . דר״ הירשפוקס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט מיט אַ ביטערן סאַרקאַזם — דאָס איז צו ווייניג — פאַר אַזוי פיל ליידן, שאָדן, באַרבאַריי, פאַרניכטונג פון מיליאָנען מענטשן לעבנס וואָס וועלן קיין

מאָל מער נישט צוריק לעבעדיג ווערן, באַשאַפן אַזוי פיל לייד און אומבאַשרייבלאַכן שמערץ פאַר דעם לעבן וואָס איז געבוירן געוואָרן פאַר דעם גליק — איז אַ שטראָף צו ווייניג . . . איז אַ שטראָף צו ווייניג . . .

פראָפעסאָר שלאַגוואָרט האָט געמאַכט אַ פאַרצווייפלטע גרי־מאַסע און געגומען רעדן מיט אַ שטימע וואָס האָט געקלונגען אַב־דערש ווי דער אָרגינאַל — אין די אַלטע צייטן פאַר די מענטשלאַכע ציוויליזאַציאָן און קולטור, איז פילייכט מלחמה געווען אַן אומפאַר־מיידלאַכקייט, דער קריג איז דעמאָלט זאָגאַר געווען אויף מער נאַ־טירלאַכע באַלאַנסן באַלאַנסירט, אָבער היינט — אַז עס זאָלן זיך אין אונזער יאָרהונדערט געפינען פעלקער, רעגירונגען, וועלכע זאָלן אָנפאַלן אויף זייערע אייגענע פאַמיליאַרע ברידער־פעלקער מיט גע־וואָלט און הערשער אַמביציעס, און גזלנ׳ישע מעטאָדן — דאָס זענען אָקטן פון דעם גרעסטן טייפלישן פאַרנעם — וואָס די וועלט האָט זיך קיין מאָל נישט פאַרגעשטעלט, ווייל אין פאַרגלייך מיט יענער צייט ווען די פעלקער האָבן נאָך נישט געהאַט קיין מעגלאַכקייט פאַר דער קולטורעלער אַנטוויקלונג — קענען מיר מיט יענער צייט האָבן אַן איינזען — אָבער היינט — רעזולטאַטן פון טויזנט יעריגער פראָג־רעסן — שטעלט דאָס אונז זיכער אין אַ זייער פאַרצווייפלטער פאָ־זיציע.

אוניוועורסיאַ האָט אין אַן אומצופרידנהייט גענומען רויכערן אַ צווייטן סיגאַרעט און זיך געווענדט צום פראָפעסאָר — פראָפעסאָר שלאַגוואָרט: מיין מיינונג איז, אַז מיר זאָלן איצט צופאָרן אין „קאַפע קאָסמאָס", מיר וועלן שוין דאָ נישט האָבן די נויטיגע שטימונגען וואָס אַזאַ אַטמאָספערע קען ביי אונז אַרויסרופן . . .

דר" הירשפוקס האָט געגעבן אַ בליק אויף זיין ווייבל — איינ־פאַרשטאַנען, און די פאַמיליאַרן האָבן אריינגעשטייגט אין דער מאַ־שין, און אוניוועורסיאַ פאַטראָנאַטאָ האָט דיריגירט דעם אויטאָמאָביל צו דער שטאָט, צום קאַפע קאָסמאָס. מיר וועלן דאָרט איצט טרעפן פיל געזעלשאַפט, באַמערקט דר" הירשפוקס. און אוניוועורסיאַ זאָגט אונטער — שרייבער, אַקטיאָרן, אַרטיסטן, דאָקטאָרן, אינטעליגענטן פון פאַרשידענע גראַדן, סאָציאַלן, אינדיווידומס — קורץ געזאָגט — די גייסטיגע מעטראָפאָליע פון אונזער שטאָט.

דער פּראָפעסאָר האָט אַ צופרידענער זיך געגלעט זיין הויכן שטערן, און אַ נייגעריגקייט — פאַראינטערעסירט מיט אַ דער־וואַרטונג.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך שוין דערנענטערט צו דער שטאָט און דורכגעשניטן די שיינע גאַסן, בולווארן, עוועניוס, און פּרעכטי־גע סקווערן. די ליכטיגקייט איז איצט ווייט נישט געווען אַזוי נאָרמאַל ווי אין פרידנס־צייט — און עס איז געווען שווער און אָנשטרענגענדיג צו פאָרן, און די פאָרזיכטיגקייט האָט נישט גע־טאָרט פאַרגעסן ווערן אַפילו אויף אַ סעקונדע — דאָך קענען מיר זיך רואיג באַגלויבן אויף אוניווערסיאַ פּאַטראָנאַטאַ — זי וועט שוין פירן צום ציל אָן אַ מעגלאכער קאַטאַסטראָפע.

.2

קאַפע קאָסמאָס

אין אַ ווינקל גאַס נעבן עוועניו אַריענט שטייט אַ פּרעכטיגע געביידע, וואָס איז באַקאַנט און באַרימט אין פיל שטעט און לענדער פון דער ברייטער וועלט, ווייל דאָ אין דעם פּלאַץ קומען זיך כסדר צוזאַמען די אינטעליגענטע מעטראָפּאָליע פון איבעראַל, נישט נאָר פון דער דאָזיגער שטאָט אַליין — נאָר אויך פון די ווייטסטע לענדער און מקומות. מיר וואָלטן מיט רעכט געקענט באַטיטלען דעם פּלאַץ „קאַפע קאָנגרעס", ווייל דאָ אין די טאָג-טעגלאכע צוזאַמענקונפטן מאַניפעסטירט זיך דער כאַראַקטער פון אַ קאָנגרעס-אַרטיגן אידעאַליזם, נישט אין פאָרם, נישט קאָנקרעט, און נישט באַשטימט, און דאָך אַזוי. דאָ קומען זיך צוזאַמען — דענקער, קעמפער, אידעאַליסטען, קינסטלער, ליטעראַטן, פּאָעטן, וויסנשאַפטלער, און מענטשן פון אַלע שאַטירונגען און קלאַסן — איז נאַטירלאך דאָ אויך פון צייט-צו-צייט אַ שטורמישע אַטמאָספערע.

דער הויפּט-זאַל איז דאָ ריזיג גרויס, און אין די זייטן אַרום זענען דאָ אייניגע קלענערע זאַלן — עלעגאַנט און מאָדערן איינגעשטעלט. די באַלייכטונג איז אַרום העל גריך, אין מאַנכע ערטער בלוי.

אויף די ווענט הענגען פאַרשידענע קונסט-בילדער, און אויך פּאָרטרעטן פון באַרימטע גרויסע מענטשן און גייסטער, וועלכע פאָרטרעטן פאַרשידענע וועלט-אַנשויאונגען און אידעאַלן.

אויף איין וואַנט זעען מיר די בילדער פון דר" הערצל און דר" מאַקס נאָרדאָו, אויף אַן אַנדערער וואַנט זעען מיר די פּאָרטרעטן פון קאַרל מאַרקס און פּעטער קראָפּאָטקין, בילדער פון די גרעסטע קאָמפּאָזיטאָרס, פּאָעטן און פילאָזאָפן, אַסטראָנאָמען און וויסנשאַפטלער;

אין אַלגעמיין — פון אונזער איצטיגער — און אויך פאַרגאַנגענער צייט.

אין זאַל איז לעבעדיג, יום-טוב׳דיג ווי אַלע מאָל. עס זיצן אַרום די מענטשן ביי די פאַרשידענע טישן פאַרטיפט אין געשפּרעכן, און ביי אַנדערע ערטער זענען די מענטשן פאַרטראַכט און רעדן ווייניגער — אָדער רעדן גאָר נישט, מאַנכע זענען אויף פאַרזאָרגט און האָבן פונקט אויף זיך איצט דעם דרוק פון אונזער קאָמפּליצירטער שווערער צייט.

עס הערט זיך פון דרויסן אַ גערויש פון אַ ניי־צוקומענדיגן אויטאָמאָביל און עס שטייגן אויס אונזערע דריי שוין באַקאַנטע מענטשן — דר״ דוד לייב הירשפוקס; פּראָפעסאָר שלאַגוואַרט; און אוניווערסיאַ פּאַטראָנאַטאַ. זיי קומען גלייך אַריין אין גרויסן זאַל און פאַרנעמען אַ ווינקל טיש פון דעם בעסטן פּערספּעקטיוו וואָס נאָר מעגלאַך — און באַשטעלן קאַפע — און אויך דעם באַרימטן ליקער „אַמבראָזיאַ הומאַניטאַ״ און וואונטשן זיכער זיך עטוואָס צו באַרוישן און זיך צו באַגעבן אין אַ געוויסער שטימונג פון אַן אַנדערן כאַראַקטער און געמיט, פיליכט פאַרגעסן אויף דעם מאָמענט און די ווירקלאַכקייט.

ביי אַ טיש דערנעבן געפינט זיך רעוואַלטעוויטש — אַ פירער פון אידישן אַרבעטער בונד אין פוילן, וועלכער האָט דורך שווערע קאָמפּליקאַציעס זיך געקענט אַרויסדריייען און אַריבערקומען איבער דעם ים צו אונזערע ניי־וועלטישע ספערן מיט אַ מיסיע פאַר הילף — פאַר דעם ליידענדן אידישן מאַרטירער קלאַס — און אויך פאַר דער הילף — פאַר דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט — אין קאַמף אַ קעגן די נייע טיראַנען פון פאַרשקלאַפונג און געוואַלט־אַכזריות.

ביים זעלבן טיש געפינט זיך אויך אַלעקסאַנדער וואָלקמאַן — דער פירער פון דער קאָסמאָפּאָליטישער, סאָציאַליסטישער פּאַרטיי; בנימין גרינפעלד, סעקרעטאַר פון אַ געוויסן צווייג פון דער הסתדרות און פון דער פועלי־ציון; מנשה זילבערשטיין — אַן אַלגעמיינער ציוניסט. אַלזאָ — כמעט דורכאויס קאָנטראַסטן אין זייערע אידייען און אַנשויאונגען. דאָ אין קאַפע קאָסמאָס איז אַ קאָלעגיאַלע טאָלעראַנץ אין דער געזעלשאַפט, זאָגאַר ווען עס קומט אַ מאָל און אָפט צו זייער שאַרפע דיסקוסיעס און דעבאַטן.

עטוואָס וויטער — ביי אַן אַנדערן טיש געפינט זיך דר׳׳ מאַרינ־קין, וועלכער האָט שוין אַ ווייס גרויער באָרד און איז באַשטימט שוין אַן אַלטער מאַן — אָבער מיט יוגענטלאַכן טעמפּאָ, ליבט די וואַגנע־רישע מוזיק און אָפּערע, און טראָגט אַלע מאָל מיט זיך דעם תנ״ך אין אַ מיניאַטור־פאָרם, און אויך איניגע קליינע ספרים אין גרי־כיש און אויך אין לאַטיין. מיט אים צוזאַמען איז אויך דער באַ־קאַנטער שרייבער באַרקמאַן, ווי אויך דער באַרימטער דיכטער לאָ־ריגסקי, און דר׳׳ העלמאַן; — דר׳׳ פילאָלאָגיע — וועלכער רעגט זיך אויף זעקס און דרייסיג מאָל אַ טאָג פינקטלאך ווי אויפן זייגער.

ביי אַ וויטערן טישל געפינען זיך איניגע דאָקטוירים און אַד־וואָקאַטען ווי אויך דער ריכטער בראַון פון דעם העכערן געריכט — און רעדן צוזאַמען וועגן די פּאָליטישע פּאַסירונגען פון דער לעצטער צייט — און געגנוואַרט, ווי אויך וועגן דעם קונפטיגן קאָנצערט פון דעם אידישן דאָקטוירים אָרקעסטער וואָס דאַרפט אין קורצן פאָר־קומען. דער דאָקטוירים אָרקעסטער נעמט אויף דעם מוזיקאַלישן געביט פאַר אַ טיף מענטשלאַכן לעבנס־אינהאַלט, וואָס קען האַר־מאָניש פאַראייניגט זיין מיט דער ווירקונג פאַר דאָס גוטע פון מענטש־לאַכען געזונט און באַקרעפטיגונג. דער פרעזידענט — אַ פיינער וויאָליניסט — און אויך דער קאָנצערט־מייסטער פון אָרקעסטער — איז פילע יאָרן באַגעבן צו זיינע מוזיקאַלישע שטודיומס וואָס איז אויך דורכאויס פון אַן אידעאַליסטישן כאַראַקטער.

אַזוי זענען אַלזאָ שוין פילע פלעצער פאַרנומען מיט געזעל־שאַפט פון פאַרשידענע קרייזן און ווירקונגען. פּראָפעסאָר שלאָגוואַרט בליקט זיך אַרום און אַרום מיט נייגעריגקייט — און אָבסערווירט די נייע אַטמאָספערע ווי ער איז צום ערשטן מאָל — נאָך גאָר אַן אומבאַקאַנטער דאָ — אין דעם דאָזיגן קרייז פון מאָדערנער גרויס שטאָט ספערע.

דורך דער באַקאַנטשאַפט פון דר׳׳ הירשפּוקס מיט אַלעקסאַנדער וואָלקמאַן זענען די צוויי שכנישע טישן צוזאַמען געריקט געוואָרן — און מיט איין מאָל פאַרגרעסערט די געזעלשאַפט.

רעוואָלטעוויטש איז נאָך שטאַרק באַווירקט פון זיינע שרעקלאַכע איבערלעבונגען פון פוילן און אויך פון אייראָפּע אין אַלגעמיין — און איז ווי אַ קאָנטראַסט צו דער שטימונג און אַטמאָספערע וואָס עס

הערשט דאָ אין דעם ווייטן לאַנד — אָבער ער קען זיך קאָנצענטרירן מיט האַלטונג און פאַרנעם. דר״ הירשפוקס האָט פאַרגעשטעלט פּראָפעסאָר שלאָגוואָרט פאַר דער געזעלשאַפט, און דער אַלגעמיינער כאַראַקטער האָט זיך אינטימער אַנטוויקלט און באַלעבט.

אוניווערסיאַ פּאַטראָנאַטאַ האָט אין דער באַקאַנטשאַפט צו רע־וואָלטעוויטשן באַמערקט אַז זי איז צופרידן וואָס זי וועט זיך קענען עטוואָס דערוויסן וועגן דער סיטואַציע פון פּוילן פון אַ מענטשן וואָס האָט אַליין בייגעוואוינט אַ רייע פּאַסירונגען, און וואָס האָט אַליין אויך געזען דעם שרעקלאַכן געוואַלטזאַמען איבערפאַל איבערן לאַנד און פאָלק.

דאָס איז אויך מיין מיסיע — האָט רעוואָלטעוויטש שנעל גע־געבן אַן ענטפער, די וועלט דאַרפט דאָס וויסן. פּראָפעסאָר שלאָג־וואָרט — זיך צוהערענדיג צום געשפּרעך האָט געגעבן אַנצוהערן — אַז ער האָט אַ מאָל באַזוכט וואַרשאַ — די שטאָט איז מיר געווען גאָר אינטערעסאַנט און לעבעדיג, און מיר קענען זאָגן אַז וואַרשאַ האָט זיכער געקענט פאַרנעמען אַ פּראָמינענטן פּלאַץ צווישן די הויפּט־שטעט פון דער וועלט.

אַ שלאַנקע יונגע מיידל אין אַן אוניפאָרם ווי אויף אַן אַרטיס־טישע רעקלאַמע האָט צוגעטראָגן אַ פלאַש ליקער ווי אויך קאַפע און געפילט די טאַסן אין די גלעזלאַך.

פּראָפעסאָר שלאָגוואָרט האָט איינגעלאַדן די אַרומיגע פריינד מיטצוהאַלטן מיט דעם וואונדערלאַכן ליקער „אַמבראָזיאַ הומאַניטאַ״ און האָט באַרופן די יונגע שיינע ליקער טרעגערין אַלעמען דאָ ביים טיש מכבד צו זיין מיט דעם דאָזיגן געטראַנק אויף זיין פאַראַנטוואָרט־לאַכקייט.

— לחיים! — האָט אויסגערופן דר״ הירשפוקס; פאַר דעם זיג פון גוטס איבער שלעכטס.

— לחיים! — האָט רעוואָלטעוויטש אויסגערופן — צום זיג פון דער דעמאָקראַטיש מענטשלאַכער וועלט אַ קעגן די באַרבאַרן פון שקלאַפעריי.

פּראָפעסאָר שלאָגוואָרט האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגע־רופן מיט טעמפּאָ און פּאַטאָס — פאַר אַ געווין פון אונזער אַל־מענטשלאַכער וועלט איבער דער אוממענטשלאַכער בעסטיע פון אַלע צייטן און פאַרגאַנגענהייטן.

— לחיים, לחיים! — האָבן אַלע מיט געזאָגט — לחיים טובים ולשלום!

רעוואָלטעוויטש האָט געשאָקלט מיט זיין גרויסן שיינעם קאָפּ און אָנגעפאַנגען — ליבע פריינד! פלאַמען פייער האָבן זיך געוואָרפן אויף לעבנס — אויף יונג און אַלט, אויף קינדער און זקנים, די גאַנצע שטאָט האָט געברענט, דינאַמיט האָט געטרייסלט און צושטערט — פאַרניכטעט היימען, פאַמיליען, גאַסן, אינסטיטוציעס פון פיל יע-ריגער מי און אַרבעט . . .

דער שרעקלאַכסטער טייפל פון פאַרדאַרבנהייט און בייז האָט זיך געגעבן א צושפיל אויף אונזער ערדישער עקזיסטענץ.

אַלעקסאַנדער וואָלקמאַן — טיף באַווירקט און גערעגט פון דער דאָזיגער איבערגעבונג — האָט אָנגעפאַנגען ברומען ווי אַ מעכטיגער לייב — וואָס פאַר אַ וועלט, וואָס פאַר אַ וועלט, פאַר וואָס מאַרטירער, קרבנות, פיין, לייד, שרעק, זאָרג, דער כאַאָס פון דעם בלוטיגן וועלט-צירקוס-מלחמה.

מנשה זילבערשטיין האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן אויפן טיש אויס נערוועזיטעט און האָט אָנגעפאַנגען מיט אַ טאָן פון אַ פאַרקלעמטער שטים — אידיש פאָלק — זיי זענען מאַרטירער און קרבנות אין פרידלאַכע צייטן און זיי זענען די ערשטע מאַרטירער און קרבנות אין דער מלחמות, די באַרבאַרן האָבן דעם אידן דאָרט איינגעקלעמט אין געטאָס אונטער דעם דרוק פון הונגער, שקלאַפעריי און לעבנס באַרויבונג, זיי ווערן פאַרנומען פון פאַרשידענע שטעט און לענדער און פאַרשיקט אויף פונקטן פון אַן אומבאַקאַנטן צווייפלהאַפטן גורל — נעמענדיג אין באַטראַכט די געשיכטלאַכע צייט ביז אונזער געגנוואַרט צום צוואַנציגסטן יאָרהונדערט, איז דאָס די שוידערלאַכסטע פאַר-ברעכעריי פון אַלע פאַרגאַנגענהייטן.

בנימין גרינפעלד האָט אָנגעפאַנגען צו רעדן מיט אַ העכערן טאָן — ווען וועלן מיר האָבן דאָס וועלט-געריכט — דאָס וועלט-געריכט — וואָס זאָל זיך מיט קראַפט און מאַכט דערהויבן אַ קעגן די אַלע באַרבאַריזמען פון אונזער געגנוואַרטיגער צייט . . .

אין קאָפּע איז איצט שוין געוואָרן עטוואָס רויִשיגער, צייטונגס פאַרברייטער האָבן אַריין געבראַכט מאָרגן-בלעטער מיט אַ נייעס פון פאַראייניגטע קאָמאַנדאָ אַטענטאַטן אויף דעם פראַנצויזישן אָקו-

פירטען ברעג. די פאַראייניגטע דעמאָקראַטישע וועלט קרעפטן ווילן באַפרייען די באַ׳גזל׳טע לענדער און פעלקער וואָס זענען אונטער דעם דרוק פון די אויפגעקומענע טיראַנען און באַרבאַרן.

ביי דעם זייטיגן טיש ווי עס זיצט דר״ מאַרינקין, איז אויך אַן אומרואיגער געשפּרעך. דר״ העלמאַן האָט געזאָלט זאָגן צו דר״ מאַרינקין אַז ער זאָל דערווייל אויפגעבן זיינע באַגייסטערונגען פאַר דער וואַגנערישער אָפּעראַ און מוזיק — ווי אויך פאַר דער ליטעראַטור — געטע, שילער, ניטשע, קאַנט, שאָפּענהויער, און אַזוי ווייטער.

דר״ מאַרינקין האָט געדויכערט זיין סיגאַר וואָס האָט פאַרבייט אַ רויך פון פראַמינענץ איבערן טיש און האָט מיט זיין קלוגער מימיק דערקלערט דעם דר״ העלמאַן — אַז מיר דאַרפן זיך נישט פאַרלירן פון קאָרעקטע באַשטימונגען און אַנאַליטישע באַגריבדונגען וועגן וואָס איז גוט און וועגן וואָס איז שלעכט. און די אומשולדיגע דאַרפן נישט ליידן פאַר די שולדיגע.

דער שריפטשטעלער באַרקמאַן און דער דיכטער לאַרינסקי האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ — אַזוי אַז מיר קענען נישט וויסן אַקוראַט צי זיי זענען איינפאַרשטאַנען — אָדער נישט איינפאַרשטאַנען?

אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט האָבן די מענטשן אַרום געלעזען די לעצטע בייעס פון די צייטונגען. עס האָבן אָנגעהויבן קומען מער עולם פון די טעאַטערן און אויך פון די פאַרזאַמלונגס־פונקטן וואָס ענדיגן זיך אין דער באַשטימטער צייט, און באַקאַנטע און פריינד ווילן זיך דאָ זען, אָדער האָבן דעם באַשטימטן ראַנדעוואו — זיך דאָ צו טרעפן. די שטאָט איז גרויס און עס איז שווער זיך צוזאַמען באַגעגענען אָדער זען זיך אויף לייכטע מעגלאַכקייטן ווי אין דער קליינער שטאָט. און דאָ איז אַ גוטע געלעגנהייט פאַר דעם.

עס קומען די אַקטיאָרן און אַקטריסעס און פאַרנעמען זייערע פלעצער. אין קאַפע קאָסמאָס ווערט וואָס ווייטער מער געפּאַקט און דער געטומל רוישט אין דער לופט.

פון דער ווייטנס זענען מיר ביים טיש פון פראָפעסאָר שלאַגוואָרט ווערן געפילט די גלעזער מיט נאָך אַ מאָל אַמבראַזיאַ הומאַניטאַ — דאָרטן איז געוואָרן רייכער מיט נאָך אַ פערזענלאַכקייט — דער באַקאַנטער מאָלער אַרטיסט דעוויאַנסקי — וואָס האָט געשאַפן בילדער פון אַ באַרימטע טענצערין און איר באַלעט — וואָס האָט אויפגע־

לעבט דעם כאַראַקטער פון דעם אַלט-גריכישן טאַנץ, און באַלעבט דעם העלעניִשן גייסט אין אַלגעמיין. דער קונסט-מאָלער דעוויאַנסקי האָט נאָך געשאַפן אַ רייע בילדער פון אַן אַלמענטשלאַכן כאַראַקטער אין אַ ניי-וועלטישן פּערספּעקטיוו.

דעוויאַנסקי איז אויך אַ קאָנקרעטער דעמאָקראַט אין זיין קונסט וואָס פּאַרטרעט דאָס גוטע און צערטלאַכע פון נאַטור און לעבן, אין אים איז אויך דאָ אַ גרויסער סענטימענט איבער די ליידן און פריידן — אין דער עקזיסטענץ פון אונזער געטלאַכן באַרוף . . . ער האָט שוין אַ גרויען קאָפּ, עס דוכט זיך אויס אַז ער איז גרוי געוואָרן ביי זיינע פּאַרטיפונגען און אַרבעט אַרום זיינע מאָלערישע קונסטווערק. עס איז זיכער — ווען ער וואָלט נישט גרוי געוואָרן ביז דעם מאָמענט — וואָלט ער באַשטימט גרוי געוואָרן איבער די לאַגע פון אונזער צייט וואָס באַרירט אים אויך זייער שטאַרק ווי אַלע אונזערע מענטשן פון געפיל און כאַראַקטער.

פלוצלינג ווערט אַן אויפגערעגטע שטימונג אין זאַל, צוויי שויש-פּילער קומען זיך צוזאַמען אין אַ קאָנפליקט און אַ געשלעג באַגיבט זיך ביי די דאָזיגע צוויי, איינער זאָל עטוואָס האָבן געזאָגט וועגן דעם אַנדערן וואָס האָט אים זייער פּאַרדראָסן און געגנזייטיגע קלעפּ און פּעטש קנאַלן אין דער לופט, שווער צו וויסן צי איז דאָס קינצ-לאַכע פּעטש ווי פון צירקוס, צי טעאַטראַלישע, צי גאָר נאַטירלאַכע? זיי כאַפּן שוין מכשירים צו הילף. עס ווערט געפערלאַכער. די גע-זעלשאַפט אַרום נעמט שטעלונג און דער סקאַנדאַל און אינצידענט ווערט איינגעשטילט. דאָס אידישע טעאַטער לעבן האָט אַ שווערע צייט איצט. עס האָט דערגרייכט אַ פּונקט וואָס מיר קענען גאָר נישט וויסן וועגן די קומענדיגע רעזולטאַטן. עס איז איין מאָל געווען אַ רענעסאַנס אין אידישן טעאַטער, און עס זענען אויפגעקומען גרויסע שוישפּילער, אַרטיסטן פון באַרוף וואָס האָבן זיך נישט געהאַט צו שע-מען פאַר די גרעסטע טעאַטערס פון די אומות העולם, און דאָס אי-דישע טעאַטער האָט אויך געוועלטיגט און געשאַפן פרייד און פאַרגע-ניגען אין אידישן לעבן. עס איז געווען אַן אינטערעסאַנטע עפּאָכע. דאָס פאָלק איז געקומען אין טעאַטער מיט גרויס אינטערעס און באַגעבנהייט, אַ רייע דראַמאַטורגן האָבן אויך שעפּעריש געווירקט און געשאַפן דראַמאַטישע ווערק פון פאַרשידענעם זשאַנר און באַ-

דייטונג. און אויך דאָ האָבן זיך געהויבן באַדייטענד ליטעראַרישע פּראָדוקטן וואָס מיר קענען מיט כבוד רעספּעקטירן און לויבן מיט אַכטונג.

איצט וואַרטן אַלע אויף אַ נייע רענעסאַנס — און אויך אויף אַ נייע ווענדונג אין אונזער אידישער טעאַטער־וועלט—אין אונזער אידישער טעאַטער אַטמאָספערע. און מיר קענען אַפילו באַמערקן אויף די געזיכטער פון די שוישפּילער וועלכע געפינען זיך דאָ און דאָרטן אין אונזער קאַפּע קאָסמאָס — אַז זיי זענען אַלע געשטימט מיט אַ דערוואַרטונג פאַר דעם נייעם מאָמענט, פאַר דער נייער עפּאָכע.

מיר כאַפּן איצט אַ בליק צום טיש פון פּראָפעסאָר שלאָגוואָרט; און מיר זעען ווי ער איז פאַרטיפט — זיך צוהערענדיג צו מנשה זיל־בערשטיין — ווי אויך אַלע וואָס זענען אַרום דעם טיש הערן זיך צו מיט גרויס אינטערעס. מנשה זילבערשטיין האַלט אין רעדן — וואָרום איז דאָ אַ גרויסער טייל אין אונזער אידישן פאָלק וואָס שטרעבן און באַגערן צו האָבן אַ היים אין ארץ־ישראל? נישט אויס נאַציאָנאַליזם — ווי פילע דענקען אַזוי, דאָס איז אַ גרויסער טעות, דאָס אידישע פאָלק האָט זיך נישט געקענט מאַניפעסטירן פאַר דער מיסיאָן וואָס קוואַלט פון זיין נשמה און כאַראַקטער, די פיינדלאַכע פעלקער וואָס האָבן אַרום גערינגלט דאָס אידישע לאַנד האָבן כסדר געשטערט און געפירט מלחמות מיט אונז, און ענדלאך אונז געצוווינ־גען זיך צו פאַרנעמען אין די פילע לענדער איבער גאַר דער וועלט — און אונזער ראָלע איז דאַדורך נישט דורך געפירט געוואָרן, מיר האָבן זיך נישט דורכגעלעבט אויף דעם גינסטיגן אופן פאַר אונזער געשיכטלאכן אידעאַל און צוועק, דאָס איז אַלזאָ אויך אונזער אַרטיס־טישע טראַגעדיע, ווי אויך אונזער פאָלקס־טראַגעדיע.

מיר זענען געוואָרן געשטערט אין די מאָמענטן ווען מיר האָבן שוין אָנגעפאַנגען קומען אויף גרויסע גייסטיגע וועגן פאַר אונזערע פאָלקס־דערגרייכונגען — פון אַ ריכטיג באַרופענער וועלט — ווי אויך פאַר דער מענטשהייט אין אַלגעמיין.

אַלזאָ מיר אַלע אידן ביי וועמען דאָס געפיל פון סאָציאַלער פאָלקס פאַמיליאַריטעט איז נאָך נישט אַטראָפירט געוואָרן — פאַר־אייניגען מיר זיך צו קומען אין אידישן לאַנד פאַר אַ רענעסאַנס — און מאַניפעסטירן אונזערע געהויבענע מענטשלאַכע פאָלקס באַ־

שטרעבונגען און אידעאַלן — ווי אויך פאַר אונזער ווירקונג צום גוטן פאַר דער מענטשהייט אין אַלגעמיין.

אַלעקסאַנדער וואָלקמאַן האָט זיך טיף צוגעהערט און האָט מיט אַ זיכערן טאָן געגומען ענטפערן אין געגנזייטיגע סימפּאַטיע צו די רייד פון מנשה זילבערשטיין — איך אַלס קאָסמאָפּאָליטישער סאָציאַליסט — בין גאָר נישט געגן דעם, מיר באַגרייפן נאַטירלאַך אַלע — אַז דער גרעסטער טייל פון אידישן פאָלק וועט אויך קענען גוט ווירקן קאָסמאָפּאָליטיש מיט אַלע פעלקער צוזאַמען אין אַלע לענדער ווי זיי וועלן זיך האָבן אַקלימאַטיזירט און געשאַפן זייער היים אין פּערמאַנענטער אינטערנאַציאָנאַלער רעזידענץ, און שאַפן אין דערזעלבער צייט פאַמיליאַרע קאָנטאַקטן וואָס וועט פירן צו אַן אַל־פעלקערישן בונד און — וועלטלאַכע פאַראייניגונג — וואָס דער רעזולטאַט וועט זיין — די קאָסמאָפּאָליטישע לעבנס דערגרייכונג, און עס וועט אונז גאָר נישט פאַרדריסן אַז אין ארץ־ישראל וועלן זיך געפינען אייניגע מיליאָנען אידן און וועלן מאַניפעסטירן זייער אינ־דיווידואַליטעט און דערגרייכן זייער היסטאָרישע ראָלע אויף וואָס זיי זענען באַרופן מיט נשמה און אַ שטאַרק באַלעבטן כאַראַקטער פון טויזנטער יאָרן פאַרגאַנגענהייטן.

רעוואָלטעוויטש גיבט זיך אַ פאַרנעם אַזוי ווי ער וואָלט עט־וואָס וועלן קאָרעגירן אין די רייד פון אַלעקסאַנדער וואָלקמאַן — מיין מיינונג איז — אַז דער ציוניסטישער אידעאַל — איז אַ אי־דעאַל פון אַ טייל פון פאָלק און דאַרפט דאַדורך דיפּלאָמאַטיש מיט ראַפינירטער קלוגשאַפט דעם וועג און ציל דערגרייכן — נישט צו ברענגען קיין דיסאָנאַנץ און דיסאַקאָרד צום פאָלקס רעכט אין די אַנ־דערע לענדער ווי זיי זאָלן זיין — און ווי זיי דאַרפן זיין.

בנימין גרינפעלד כאַפּט זיך פאַרענטפערן — איר האָט רעכט רעוואָלטעוויטש — מיר דאַרפן אונזער אידעאַל אָבער דורכפירן מיט דעם סימפּאַטישן מיט־געוויסן פון אַלע פעלקער אין דער וועלט — און די מאָדערנע וועלט וועט דאַרפן באַגרייפן דעם ריכטיגן כאַראַק־טער פון דער באַשטימטער פרייער ערע. מנשה זילבערשטיין דער־ווידערט מיט העכערער שטימע אַז מיר וועלן אַליין נישט ווירקן פאַר דעם אויספיר פון אונזער אידעאַל וועט אונז קיינער נישט העלפן, און אויב מיר וועלן ריכטיג ארבעטן וועלן מיר אויך זיכער האָבן הילף פון דער אַרומיגער וועלט.

צוויי באַקאַנטע שרייבער קומען אָן, און דערנענטערן זיך צום טיש. איינער אַ באַרימטער פּאָעט און דערציילער, דער אַנדערער דורכאויס ליטעראַט שוין מיט אַ גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער רע־פּוטאַציע זאָגאַר וועלט־באַרימט, זיי זענען אין גוטער אויפגעלייגטער שטימונג, זיי קומען איצט פון אַ באַנקעט וואָס איז געיום־טוב'ט געוואָרן די דערשיינונג פון אַ ניי ליטעראַריש ווערק אין אַן ענגלי־שער איבערזעצונג.

אַלעקסאַנדער וואַלקמאַן באַגריסט זיי זייער פריינדלאַך און פראַמינענט—און בעט ביי זיי מיט כבוד נעמען פּלאַץ ביים טיש, וואָס זיי נעמען אָן מיט געזעלשאַפטלאַכן טאַקט און געגנזייטיגן כבוד. זיי ווערן פאַרגעשטעלט פאַר אַלעמען. די צוויי נייע געסט באַשטעלן באַלד אייניגע פלאַשן ווייַן און די שטימונג איז שוין פון אַן אַנדערן כאַראַקטער. אַ קלינג פון גלאָז צו גלאָז, עס יובל'ט זיך מיט נייער פרייד, עס קען זיין אַז אונזער באַרימטער פּאָעט איז שוין עטוואָס שיכור. ער באַגייסטערט זיך זייער פאַר דער שיינהייט פון אוניווער־סיאַ פּאַטראָנאַטאַ — און טרינקט צו איר באַזונדער מיט פריווילעגיע און פאַרערונג — לחיים — פאַר דער אייביגער שיינהייט, פאַר דער צערטלאַכער ווייבלאַכקייט, זאָל טריאומפירן דאָס לעבן. זאָל זינגען די ליבע . . . און בויגט זיך צו איר צו און באַגליקט איר מיט אַ דיכ־טערישען קוש . . .

אוניוועסיאַ האָט אים באַדאַנקט פאַר זיין פאַמיליאַרע מענטש־לאַכקייט און האָט צופרידן געשמייכלט און געבליקט אויף אים ווי אויף אַ קוריאָזער דערשיינונג. זי קען אים נאַטירלאַך גוט, און האָט אויך פיל געלעזן פון זייַנע ווערק, אָבער ער איז אין זיין באַנעמונג אין דער געזעלשאַפט עטוואָס אייגענאַרטיג. אַלע אַרום האָבן זיך נישט געמאַכט זעען — און געבליקט אָן אַ זייט און געשמייכלט איבער די מאָמענטאַלע צערטלאַכקייטן פון אונזער באַרימטן פּאָעט — וועל־כער איז פיליכט שיכור — אָדער עס לוינט זיך אים עטוואָס צו זיין שיכור — צו קענען קושן אַזאַ שיינע דאַמע אָפיציעל אין דער גע־זעלשאַפט.

דער קאָלעגע — אונזער באַרימטער ליטעראַט פון וועלטלאַכן באַרוף איז אַ הויך געוואַקסענער מענטש מיט אַן אָריענטאַלישׁ גע־זיכט און גוטע צערטלאַכע אויגן, מאַכט אַן איינדרוק ווי אַ פירשט

פון אַ ווייטן לאַנד, און אויך קאַפּריזיש ווי אַן אָריענטאַלישער פּירשט — אַזוי, אַז מיר קענען נישט באַשטימען צי דאָס איז אויס גוטסקייט, אָדער גאָר אין געגנטייל, אָבער מיר קענען מיט זיכערקייט באַגרייפן זיין פּראָמינענץ — אויך אין אונזער לאַנד, און מיר זענען אויך גאָר צופרידן מיט די גרויסע דערפאָלגן פון אַ אידישן ליטעראַט אויך אין אַנדערע שפּראַכן.

דער פּאָעט דערציילט מיט באַגייסטערונג, אַז דער בוך וואָס איז דערשינען אין ענגליש פון זיין קאָלעגע מיט אַ צוויי יאָר צוריק איז שוין פאַרבדייט געוואָרן אין פינף און דרייסיג טויזנט.

מיר זעען אַז דער דיכטער טיילט מיט דעם יום־טוב פון זיין קאָלעגע אין ריכטיגע קאָליעגיאַלער פריינדשאַפט. ער כאַפּט זיין גלאָז ווייַן און רופט אויס מיט באַגייסטערונג — פאַר דעם טריאומף פון דער ליטעראַטור, קונסט, וויסנשאַפט, פּאָעזיע, פאַר דעם טריאומף פון דער אַלוועלטלאַכער דעמאָקראַטיע, אַ קעגן דער באַרבאַריי און טיראַניי —אַ קעגן דער דעמאַגאָגיע — וואָס עס קען פּיליכט מיינען געגן דער טייפּלישער פאַרפּירערשאַפט פון דער וועלט און געדאַנק, — יאָ די טייפלישע פאַרפּירערשאַפט פון דער וועלט — אָ־דאָס באַגערן זיי — די נייע באַרבאַרן און טיראַנען. ער טרינקט אויס זיין גלאָז ווייַן מיט שנעלקייט און שטעלט עס צוריק אויפן טיש ווי פון אַ שלעכטן געטראַנק, קענטיג אַז די סיטואַציע פאַרביטערט אים אַפילו דעם גוטן זיסן ווייַן, קענטיג אַז אויך דער ווייַן קען נישט באַרואיגן זיין פאַרדריסלאַכן געוויסן און שטימונג איבער דער אַלגעמיינער אומגליקלאַכער צייט.

אין קאַפע האָט אָנגעפאַנגען ווערן אַ באַוועגונג צו נעמען דעם וועג, צו באַגעבן זיך אַ היים פאַר דער נאַכטיגער רו און שלאָף.

דאָ און דאָרטן האָבן זיך די מענטשן אויפגעשטעלט און פאַרלאָזט די פּלעצער. עס איז געוואָרן עטוואָס ליידיגלאַך, אָבער מיר האָבן נאָך געקענט באַמערקן פיל באַהעמיער וועמען עס אַרט נישט די לויפנדע שטונדן פון דער נאַכט.

.3
שרעק און העלדישקייט

עס איז שוין דריי אַ זייגער ביינאַכט. דר" דוד לייב הירשפּוקס דרייט זיך אַהער און אַהין אויף זיין געלעגער און קען נישט איינשלאָפן. נון, פּאַנגט ער אָן ווייטער אריין טראכטן וועגן דער הייַנטיגער סיטואַציע.

וואָס וואָלט אַזאַ שטייגער געווען, ווען יאַפּאַן וואָלט נישט אריין אין מלחמה מיט כינע; איטאַליען נישט מיט עטיאָפּיע, גערמאַניען נישט מיט פּוילן, וואָלט זיך נאָך דער שלום מאַניפעסטירט אין דער וועלט, און די גרויסע קאַטאַסטראָפע וואָלט נישט פאָרגעקומען — און די מענטשהייט פון איבעראַל, פון אַלע לענדער וואָלטן פּילייכט אָרגאַניזירט זייערע פרידלאכע קאָנטאַקטן. די קאָמפּליקאַציעס וואָלטען נאַטירלאך באַזייטיגט געוואָרן, און לאַנגזאַם אָבער זיכער וואָלט זיך פּילייכט באַלאַנסירט די נייע ערא, דאָס נייע לעבן, — איז עס זיכער די שולד פון די דריי אייניגקייט, וואָס האָט אַרויסגערופן און פאָרמירט דאָס גרויסע אומגליק אויף אַלע פעלקער.

די דעמאָקראַטישע וועלט-קרעפטן, ווידער, האָבן נאַטירלאך געמוזט נעמען שטעלונג — דורך דעם מאָראַלישן פאַמיליאַרן געוויסען פון דער מענטשהייט אין אַלגעמיין . . . זיי האָבן געמוזט אַ קעגן קומען מיט מאַכט און קראַפט אַ קעגן די באַרבאַרישע געוויסענלאָזיגקייט פון דער אַגרעיפערישער אייניגקייט.

עס פאַלט אים איין אַ געדאַנק, אַז עס איז אַ פלאַן איינצולאַדן פּראָפעסאָר שלאַגוואָרט אויף אַ היימישן פאָרטראַג פאַר אַ באַזונדערן קרייז — אויף דער טעמא — די דעמאָקראַטישע פאַמיליאַרע פּאָזיציאָן — אין דער איצטיגער וועלט-מלחמה. ער איז צופרידן פון זיין

נייעם פלאַן — און ער וויל זיך אויפסניי איבערגעבן צו אַ רואיגן שלאָף וואָס איז גאָר נויטיג פאַר אים — און ער דרעמלט, דרעמלט, שלאָפט איין . . .

עס חלומ'ט זיך אים, אַז ער איז איינגעלאַדן געוואָרן זיך אָנ־צושליסן צו דעם ריזיגן לופט-פלאָט פון דער באָמבען און דינאַמיט העלדן פון דער וועלט־באַפרייער. ער באַקומט אַ געפיל פון שטאָלץ און ווירדע — אָבער אויך אַ גרויל און שוידער נעמט אים דורך. ווי וועט ער קענען אומגיין מיט באָמבען און דינאַמיט?

ער ציטערט און איז פול מיט אויפרעגונג, אָבער ער שטאַרקט זיך און מוטיגט זיך — אויב עס איז זיין גורל מוז ער אויך העלפן — ווי ווייט ער וועט קענען.

ער גיבט אַ בליק אין שפיגל. ער זעט זיך שוין אין אַן אוני־פאָרם, ביי דער זייט דעם נייעסטן פאַראַשוט פון מאָדערנער טעכניק. אויף די אויגן טראָגט ער דורכבליק־גלעזער וואָס קענען זעען אויף די ווייטסטע שטרעקן און קענען דורכבליקן דורך דעם געבוי פון פיינדלאכע עראָפלאַנען, שיפן, טאַנקן, סובמאַרינען, פעסטונגען און אַזוי ווייטער . . .

דאָס מאַכט אים מוטיגער. ער ווערט העראָאישער געשטימט. ער מאַרשירט איניגע מאָל אַהין און צוריק, גלייכט זיך אויס, באַ־טראַכט זיך דורך. פלוצלינג הערט ער עטוואָס אַ גערויש און גע־טומעל פון דרויסן. ער בליקט אַרויס דורך דעם פענסטער — ער זעט שוין דעם ריזיגן „עראָפלאַן קעמפפער", „דינאַמישער באָמבען־קנאַלער" און פאַרניכטער פון פיינדלאכע אָביעקטן און פיינדלאכע פאָזיציעס.

זיין ווייבל אוניווערסיאַ פאַטראָנאַטאַ קומט אים אַ קעגן מיט פערלדיגע טרערן וואָס שטרומען פון אירע שיינע אויגן. ער אומ־אַרעמט איר און דריקט זי צו זיך, קושט איר אין קאָמפּאַקטן בוקעט באַגריף, אָבער סיגנאַלן הערן זיך שוין פון דרויסן — זיי געזונט אוניווערסיאַ; מיין טייערע, מיין ליבסטע, און אוניווערסיאַ דערווי־דערט מיט איינגעהאַלטענעם געוויין — קום צוריק געזונט, מיין ליבסטער, מיין טייערער.

ער לויפט שנעל אַרויס און כאַפט זיך אַריין אין דעם עראָפלאַן. ער איז דערשטוינט, ווען ער זעט דאָ: משה אהרן קאָמפּאַס איז דער

פירער פון דעם עראָפּלאַן; מרים פּערספּעקט — די אויס־און אַרום זעהערין, דבורה דערלאַנגער — די באָמבע דערלאַנגערין, און פּראָ־פעסאָר שלאָגוואָרט זיצט אַלס פּאַרזיצער. צום ערשטן מאָל דער־וואוסט זיך דר״ הירשפּוקס אַז אַ באָמבען עראָפּלאַן דאַרף האָבן אַ פּאַרזיצער.

ער איז געוואָרן מוטיגער, באַגריסט זיך מיט אַלעמען מיט העל־דישער מימיק, און שמייכלט נישט ווילנדיג — מעשה העלד. ער פּאַרבעמט זיין פּלאַץ אין מיטל־פּונקט און ער פילט זיך שוין אין דער גרויסער מיסיע אַלס אַ באָמבען שליח, אַלס אַ באָמבען שליי־דערער. פּראָפעסאָר שלאָגוואָרט גיבט אים איניגע הערויאיקאַ אָפּ־פּירינען וואָס ער זאָל נעמען יעדע שטונדע, ער שלינגט גלייך איין אַ סובסטאַנץ — און ער פילט זיך באַלד דער הערקולעס פון ערשטן גראַד.

ער גיבט זיך אַ בליק אַרום אין ביידע זייטן — עס איז אויס־געשטעלט מיט ריזן באָמבעס, און יעדע באָמבע טראָגט אַ טיטול: הבאָמבע שמשון הגיבור, הבאָמבע המשחית הגדול, הבאָמבע השטן מקטרג, הבאָמבע המלאך המות — ולא הקאָמפּראָמיס, הבאָמבע המלאך המות — והם הקאָמפּראָמיס, הבאָמבע עוג מלך הבשן, הבאָמ־בע מלך דוד, הבאָמבע מלך שלמה, הבאָמבע בר־כוכבא. זעענדיג פאַר זיך אַזאַ מאַגאַזין מיט מעכטיגע קרעפטן האָט דר״ דוד לייב הירש־פּוקס אין זיך קאָנצענטרירט זיין ענערגיע פאַר די נייע אקטן אין קאַמף פאַר גערעכטיגקייט, אין אַ מלחמה פאַר אַ יושר׳דיגע בעסערער וועלט.

אויף דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט האָט זיך אָנגעפאַנגען הערן מילי־טערישער מוזיק פון אומדערשראָקענהייט. — לופט פליער — און פלי־באָמבער מאַרשן פון טרייב־קראַפט כאַראַקטער מיט ענערגישער באַוועלטיגונג. פּראָפעסאָר שלאָגוואָרט רופט אויס אַז מיר פליען איצט פאַרביי פאַר דער מערת המכפלה און ער גיבט זיך טאַקע באַלד אַ פאַרבינד ראַדיאָ טעלעפאָניש מיט אברהם אבינו — גיב אונז דיין ברכה — פאָטערל אברהם; מיר פליען אויף גרויסער מיסיע איצט...

— זייט געבענטשט! — הערט זיך אַ באַסאָווער שטימע מיט אונטערערדישן קלאַנג. זעט אַז דאָס פאָלק זאָל זיין דערהויבן איבער פאַלשע געטער און איבער דעם מאַטריאַליזם, זאָל לעבן די אידייע,

זאל טריאומפירן די מענטשהייט.

— פאטערל יצחק גיב אונז דיין ברכה.

— זייט געבענטשט! — הערט זיך אן אונטערערדישער באַרי־טאָן פון אַ פאַרלעגענער שטימע — פאַרלירט זיך נישט אפילו ווען זאַגאַר דער חלף זאל שוין זיין ביים האלז . . .

— פאטערל יעקב; גיב אונז אויך דיין ברכה.

דאַ האָט זיך דערהערט אַ לירישער העלדן־טענאָר:

— זיגעריש זאָלט איר זיין אויף אַלע פונקטן און וועגן, און זיך נישט פאַרלירן ווען אַ לבן אָדער אַן עשו קומט אייך שטאַרק אַ קעגן...

משה אהרן גיבט אַ דריי דעם עראָפּלאַן אויף אַ וויטערע פּאָזיציע און מיר געפינען זיך גאָר נישט ווייט פון מוטער רחל׳ס קבר.

פּראָפעסאָר שלאָגוואָרט רופט אויס אין זיין טעלעפאָן־אַפּאַראַט:

— מוטער רחל, גיב אונז דיין ברכה פאַר אַ דערגרייכטן זיג און ציל.

אין איניגע סעקונדן הערט זיך אַ קאָנטראַלטאָ שטימע:

— אַ גליקלאַכן וועג אייך, געווינט דעם לאָרבער־קראַנץ פון אונזער און אַלוועלטלאַכן אידעאַל, און זאָל אייך שיינען די קלוג־שאַפט פון מיין ליבן און טייערן זון — פון מיין ליבן יוסף הצדיק...

משה אהרן קאַמפּאַס הויבט העכער דעם עראָפּלאַן — און אויך אויף אַ שנעלערן טעמפּאָ — אויף אַ שנעלערן מאַרש. עס איז שוין ווייניג געבליבן צייט פאַר וויטערדיגע געשפּרעכן. פּראָפעסאָר שלאָג־וואָרט גיבט זיך אַ גלייך אויס. מרים פּערספּעקט וואַרפט אירע שאַרפע דורכדרינגלאַכע בליקן דורך אירע דורכבליץ־גלעזער אויף אַלע זייטן אָרום און אַרום, אין דער הויך און אויך אין דער נידער. דבורה איז גרייט געשטימט פאַר דעם געבאָט פון פּראָפעסאָר שלאָג־וואָרט, און דר״ דוד לייב הירשפּוקס — דער באַמבען שליח און דינאַמאָ שליידערער — מוסקולירט זיך זיינע קרעפטיגע הענט.

פּראָפעסאָר שלאָגוואָרט איז פאַרנומען מיט זיין ראַדיאָ אַפּאַראַט, פאַרטיפט און אָנגעשטרענגט. עס לויפן פאַרביי לענדער און שטעט, וועלדער, בערג, מדבריות, וואולקאַנען, ים׳ען, טייכן, און אזוי ווייטער. דער עראָפּלאַן טראָגט זיך אויף פינף הונדערט מייל דורך שטונדע.

דר״ דוד לייב הירשפּוקס באַמערקט פאַרביי פליען אַ פאַרדעכ־

טיגטען עראָפּלאַן — ער גיבט אַ דורכדרינגלאכן איינבליק מיט זיינע דורכבליץ-גלעזער — זעט ער אַז דאָס איז אַן איטאַליענישער פיינד־לאכער שליח, נעבן דעם פּילאָט זיצט אַ פּערזאָן פאַרטיפט אין אַ ציימונג באַטיטעלט „על דעזשימאַ דעל פּיף פּאַפּאַ". ער רויכערט אַ ליולקע וואָס איז אַרטיפיציעל און פאַרברייט אַ קונצלאכן רויך וואָס קומט נישט פון פייער עלעמענט — נאָר פון אַ כעמישן קאַמופלאַזש. אין די ווינקלען געפינען זיך אייניגע באַמבען באַטיטעלט — „פּרימאַ־ווערא סיציליאַנאַ", „מאָונט וועזאָוויאָס", און „מאָונט עטנאַ". פּראָ־פעסאָר שלאָגוואָרט גיבט אַ וואונק צו דר" הירשפּוקס. אין מאָמענט גיבט אַ שפּרונג אַרויס די הבאַמבע השטן המקטרג, און אַ סאַטירי־שער שאַרפער געלעכטער מיט שפּאַט און פאַראַכטונג הילכט קעגן דעם פּראַנט פון דעם איטאַליענישן עראָפּלאַן. די פּילאָט ווערט דער־שראָקען און פאַרלירט זיין קאָנטראָל, פאַנגט זיך אָן דרייען אַהער און אַהין אין אַ פאַרבלאָנדזשעטן כאַאָס — ביז ער גיבט זיך אַ דריי אויף דער ליניע צום אייזיגן נאָרד־פּאָל.

דר" דוד לייב האָט צוריק אריין געצויגן די באַמבע השטן מקטרג און גע'יובל'ט איבער דעם ערשטן זיג. פּראָפעסאָר שלאָג־וואָרט האָט אויסגערופן מיט גרויס פרייד: — שכוח, שכוח און אלע האָבן נאָך געזאָגט — שכוח, שכוח.

עס טראָגט זיך די אַטמאָספערישע פעסטונג אין שנעלסטן טעמ־פּאָ. פּראָפעסאָר שלאָגוואָרט האַלט דעם ראַדיאָ־אפּאַראַט אָנגעשטרענגט אַרום זיך געצויגן צו זיין געהער און רופט אויס מיט אַ שטורמישן רוף — צום גיבראַלטאַר, צום גיבראַלטאַר. אַ פיינדלאכע לופט־אַרמאַדאַ האַלט זיך גרייט צו באַוועגן אין אונזערע מקומות.

משה אהרן קאַמפּאַס גיבט די שנעלסטע פלי־קראַפט וואָס איז נאָר מעגלאך, און אין צוואנציג מינוט צייט איז דער אטמאָספערישער עראָפּלאַן קעמפּפער אויף דעם באַשטימטן קריגס-פלאַץ.

דר" דוד לייב גיבט אַ וואונק צו דבורה — הבאַמבע המשחית הגדול — אין מאָמענט — באַקומט דער דאָקטאָר דעם געפערלאכן סוביעקט וועלכער ווערט מיט מורא'דיגער קראַפט ארויס געשליי־דערט צו דעם רוים פון די פיינדלאכע שונאים — וועלכע דרייען זיך אַהער און אַהין, די לופט ווערט גלייך פול מיט וואָלקנס און רויך, פייער־פלאַמען — און געוואלטיגע קנאַלעריי הילכן אין דער לופט, אַ

דונער געמורמעל פאנגט אן צו פארטויבן דעם ארום און ארום. מיר זעען ווי עס פאלן פון דער הויך אביעקטן דורך פייער און וואלקנס אראפ אין טיפן ים אריין. — אין ווייניגער ווי א האלבע שטונדע איז אונזער זיג געזיכערט. מרים פערספעקט מאכט באקאנט אז די פיינדלאכע ארמאדא איז באקעמפפט געווארן, און דער לופט־וועג זעט זיך פריי און לויטער.

דער עראפלאן טראגט זיך שוין איצט אויף ווייטערע שטרעקן איבער שפאניען דורך די שטעט סעווילא, גראנאדא, בארצעלאניא, מאדריד, סאן סעבאסטיאן — אריבער נאך פראנקרייך — ביאריטץ, בארדא, פאריז. פון דערווייטנס באמערקט זיך א פראנצויזישער עראפלאן — דר״ דוד לייב גיבט א בליק א דורך מיט זיינע אויגן בליקגלעזער — און ער זעט אז דארטן געפינט זיך איין פערזאן — דער פילאט אליין. ביי אים דערנעבן געפינען זיך דריי באמבעס מיט די טיטלען — לע מיזאנטראפ טערריבלע (דער שרעקלאכער מענטשןפיינד), לע־ז־אמור פערדו (די פארלוירענע ליבע) און לע פארפום פונעבר. (דער טרויעריגער פארפום). דער פראפעסאר האט באפוילן נישט צו מאכן קיין אינצידענט מיט דעם פליער און פארביי מארשירן דעם וועג אויף די ווייטערדיגע פונקטן.

דר״ הירשפוקס האט באמערקט אז עס איז שוין איצט נויטיג זיך עטוואס צו קאמופלאזשירן וויל מיר דערנעענטערן זיך שוין צו דער פראנצוזיישער אקופירטער געגנט ווי דער געפערלאכער פיינד האלט זיך אין באפעסטיגן און לויערט מיט זיינע בעסטיאלישע אינסטינקטען ווי די ווילדסטע ברואים אין די חיה'שע אפריקאנער וועלדער.

משה אהרן קאמפאס האט געגעבן א באריר א געוויסן פלאץ אין א זייטיגן אפאראט און א בלויער וואלקן האט פארהילט אונזער קעמפפערישן אביעקט. מרים פערספעקט און דר״ דוד לייב האבן אראפ גענידערט זייערע טיפע בליקן אויף דעם פראנצויזישן געביט און באדויערט וואס אזא רייך לאנד מיט אזא גרויסע וועלטלאכע ראלע פון פארגאנגענהייט און געגענווארט איז פארלויפיג באזיגט און פארשקלאפט געווארן פון די בארבארישע ארגעמיער — דאס איז א פסעוודא נאמען וואס דער פראפעסאר געברויכט ווען ער רעדט וועגן זיי. און מיר תנכ'יאנער — וואס זענען אליין אויך גרויסע

מאַרטירער קענען אויך אַריין אין דער לאַגע פון אַנדערע מאַרטי־רער — און האָבן סימפּאַטיע מיט אַלע ליידענדע — אין אַלגע־מיין . . .

באַלד פליען מיר איבער פּאַריז — דאָס אייראָפּייאישע מעטראָ־פּאָליס פון יאָרהונדערטער — ווי קונסט און לעבן, ליטעראַטור און מוזיק, וויסנשאַפט און סאָציאַלע אידייען האָבן רעאַגירט אין אַן אַטמאָספערע פון אַ פּראָגרעסיווער וואַקסנדער ציוויליזאַציע.

מיר זעען — פּלאַץ לאַ קאָנקאָרד — אַ פּונקט פון אַלוועלטלאַ־כער שיינהייט. אָט איז — שאַמפּס עליזעע, אַוועניו דע־ל'אָפּעראַ, די גרענד אָפּעראַ, די גרויסע בולוואַרן — דער טור אייפעל, די באַסטי־ליע, און אַזוי ווייטער. אונזער פּאַרדרוס צעוואַקסט זיך וואָס מיר קענען איצט נישט מער אַזוי ווי אין די פריערדיגע צייטן אָפּט אָפּ־שטאַטען אַ וויזיט אין דער וואונדערלאַכער גרויס שטאָט פּאַריז . . . זיך נאָר עטוואָס דערווייטערט פון דער שטאָט — האָבן פּלוצלינג צוויי אונזערע מעכטיגע געשטאַלטן זיך צעוועדטלט און אריין אין א קריג, נעמלאך — די באַמבע שמשון הגיבור — מיט דער באַמבע עוג מלך הבשן, און דאָס איז א געפערלאכער מאָמענט. די אַרגעמיער לויערן ביי די ברעגן — און אַז זיי וועלן דערשפּירן דעם אַראָמאַט פון די־נאַמיט וועלן זיי באַלד אַנשיקן אַן אַרמאַדאַ פון פיינדלאכע אָביעקטן — און דער קאַמף וועט זיין אַ שווערער און א ביטערער.

דערווייל האָט דער פּראָפעסאָר קודם־כל געגעבן אַ ראַדיאָ טע־לעפאָניר נאָך דער איבער סובמאַרינישע ים פּלאַטע — וואָס איז אויסגעשטאַט מיט עלעקטראָ מאַגנאָ־וויבראָ צוריק שליידערער, דאָס מיינט ווען אַ סובמאַרין שיקט אַרויס אַ טאָרפּידאָ — אַזוי ווערט דער זעלבער טאָרפּעדאָ צוריק געשליידערט צום זעלבן פּונקט און פאַרניכטעט דעם אייגענעם אור אָביעקט. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך געגעבן אַ סיגנאַל נאָך די צוועלפטע עסקאַדרע עלעפּאַנטי־נישע באַמבען שליגער, דאָס זענען אַזעלכע פליגקע אוויאַטאָרן וואָס כאַפּן אויף די באַמבעס פון שונא אין דער לופט און פאַרטראָגן זיי אויף די אומגעפערלאכע פלעצער — אָדער וואַרפן זיי אין טיפן ים.

עס איז אָבער קיין געלעכטער — עס איז שווער איינצושטילן און באַרואיגן די צוויי — די באַמבע עוג מלך הבשן מיט דער באַמ־בע שמשון הגיבור. די באַמבע מלך שלמה — באַמיט זיך צו מאַכן

אַ שלום און אויסגלייך — אָבער זיי ווילן אים נישט הערן . . .
דער ריזיגער קאַמופלאַזשירטער אַטמאָספערישער מלחמה העלד — האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט אזא געפערלאכן אינציִדענט.

די באָמבע שמשון הגיבור וויל זיך צו כאַפּן צו דער באָמבע עוג מלך הבשן — און פאַרקערט, — אין צענטער שטייט דער פּראָפעסאָר מיט „דר" הירשפּוקס און בעטן זיך רחמים ביי די צוויי שטרייטענדע דינאַמישע העלדן אז זיי זאָלן זיך באַרואיגן — אָבער עס העלפט נישט.

דערווייל האָבן די אַרגעמיער אויפגעכאַפּט עטוואָס דעם געדויש און האָבן אָנגעשיקט אַן אַרמאַדאַ פון פיינדלאכע פליער מיט זייער בייעסטער טעכניק. די באָמבע שמשון הגיבור — זעענדיג אַזאַ רעזולטאַט, איז געגעבן אַ שפרונג אַרויס דורך דעם פענסטער און אָנגעהויבן דינאַמיטיזירן די פיינדלאכע שונאים מיט אַ ריכטיגן אומבאַשרייבלאכן כוח, די ארגעמיער לופט פלאַנען זענען געזונקען און צובראָכן געוואָרן ווי די פאַלשע געטער ביי דעם אלטען תרח — וואָס דער העלד אברהם אבינו האָט אַזוי מייסטעריש צוקריפּעלט און פאַרניכטעט. דאָ האָט אויך די באָמבע עוג מלך הבשן געגעבן אַ באַגרייף די ריכטיגע סיטואַציע און געגעבן אַ שפרונג דורך דעם אַנדערן פענסטער און אָנגעמאַכט אַ ריזיגן חורבן אויף די באַפעסטיגטע פּאָזיציעס פון די באַרבאַרישע אַרגעמיער, זעענדיג אזא געוואונטשען רעזולטאַט פון אַזאַ געפערלאַכן אינצידענט האָבן אלע געפילט ווי צו זינגען א ליד. באלד איז אויך אָנגעקומען די איבער סובמאַרינישע ים פלאָטע — מיט דער צוועלפטער עסקאַדרע עלעגפאַנטיבישע באָמבען שליגער — און עס איז פיגורירט געוואָרן א בייער גרויסער זיג, אַ בייער גרויסער געווין.

אַלזאָ — עס ווערט ווייטער געפלויגן מיט מייעסטעטישער פּראכט און גענומען גרונד פּאָזיציע אויף א דריי שטונדיגן וויזיט ביי דעם פאַראייניגטען דעמאָקראטישן וועלט־קראַפט געביט.

דאָ האָט דער פּערזאָנאַל קאָנפערירט און זיך געגעבן אַ הויב אין דער לופט אויף ווייטערע וועגן און פונקטן. אַן אַטמאָספערישער קאַנוואָי האָט באַגלייט אונזער ריזיגן לופט קעמפּפער — אין איינוועגס האָבן זיי אַראָפּ געוואָרפן אַ רייע דינאַמיטישע אייער באָמבעס אויף די מיליטערישע און מלחמה אוצרות פון די פאַרביסענע אר־

געמיער, די באָמבע בר-כוכבא איז געווען זייער געצעגט מיט גרימ־צאָרן און געוואָלט געבן אַ שפּרונג אַרויס און זיך אָפּרעכענען מיט די שונאים. די באָמבע קעניג דוד זשאָנגלירט און פּראַקטיצירט מיט אַ ריזיגן שטיין וואָס איז דורכגעצויגן מיט דינאַמישע אָדערן און גרייט זיך צו פאַרטיליגן דעם מאָדערנעם גלית פון דער היינטיגער צייט — און די געפערלאכע פלישתים פון דער געגענוואַרט.

דר" הירשפוקס גיבט איצט אַ בליק ארויס אין דרויסן. ער באַמערקט אז ער געפינט זיך אויף גאָר אַ הויכע ווייטקייט — און די געפּאַר איז דורך, די קאָנוואַי באַגלייטער האָבן זיך שוין צוריק גע־קערט אַ היים צו זייער גרונד שטאַנד.

משה אהרן קאָמפּאַס דיריגירט דעם אַטמאָספערישן לופט קעמפ־פער אויף שנעלן טעמפּאָ און געשווינדיגקייט, פאַר א פריינדלאכן וויזיט צו דער סאָוויעט רעפּובליק. פּלוצלינג דערזעט דר" דוד לייב דורך דעם פענסטער אַ ריזיגן סאָוויעטישן עראָפּלאַן פאַרביי פליען — און זיין יונגע שיינע ווייבל — אוניווערסיאַ פּאַטראָנאַטאַ — איז דער אייגענטלאכער פּילאָט — און העלדישער פירערין — און אָט גיבט זי אַ רוף אויס מיט אַ מעכטיגער קאָנטראַלטאָ שטימע:

— זאָל לעבן דער טריאומף פון דער דעמאָקראַטישער וועלט! זאָל לעבן דער טריאומף פון דער סאָוויעט רעפּובליק! הורא — הורא — הורא!

דר" דוד לייב איז געוואַלטיג באַרוישט פון דער דאָזיגער דער־שיינונג. ער ווייסט נישט צי זאָל ער גלויבן זיינע אויגן, צי עס איז גאָר א צושפּילטע פאַנטאַזיע פון זיינע לויפענדע געדאנקען.

ווען ער איז דער פילאָט וואָלט ער זיכער נאָך געפלויגן — אַך, אַך, — וואָס פאַר אַן אוועַנטויער — וואָס פאר א סענסאַציע — —

אָבער ער מוז האָבן געדולד — אויב מיינע אויגן האָבן מיך נישט גענאַרט וועל איך מיך באַלד זעען מיט מיין געליבטע ווייבל אוניווער־סיאַ פּאַטראָנאַטאַ — און אויב זי וועט זיין איינפאַרשטאַנען וועלן מיר אַלע צוזאַמען אַרויס אויף דעם ים הפּאַסיפיק באקעמפפען די יאַ־פּאַנישע מלחמה סוביעקטן, און אויף דעם ים האטלאַנטיק — ווי אויך אויף דעם מיטעל-לענדישן ים געגן די אַרגיעמישע שונאים און סאַבאָטערן.

דאָ באַמערקט דר" דוד לייב פון ווייטנס — ווי די באָמבע

מלך דוד און די באַמבע מלך שלמה מיט דער באַמבע מלאך המות ולא הקאָמפּראָמיס — האַלטן אַפּ אַ שווערע קאָנפערענץ, און זיי אַמפערן זיך איבער פאַרשידענע פראגן און געדאנקען, אָבער די באַמבע קעניג דוד און קעניג שלמה האָבן מנצח געווען. און ס'איז געקומען צו אַ רעזולטאַט מיט אַ באַשטימטער רעזולוציאָן. די קאָנפערענץ האָט זיך פאַרענדיגט.

פלוצלינג פאַנגט אָן דר" דוד לייב'ן שווינדלען אין די אויגן. ער גיבט זיך אַ בליק אַרום — געוואַלד, ער איז גאָר אַליין אין עראָפּלאַן — אַ שרעק — דער לופט פלאַן פליט אָן אַ פּילאָט — ער דערמאָנט זיך אז ער האָט נאָך ביי זיך די שטאַרקערע סובסטאַנצן פון „הערקולעס עראיקאַ ד'אַמבראַזיום מעטאַמאַרפאַזאַ" — און ער גיבט אַ שלינג איין א סובסטאַנץ — אָבער עס העלפּט נישט, עס דוכט זיך אים אז ער האַלט זיך ריכטיג — אין פאַרלירן פון זיין מעכטיגער העלדן נאַטור און גרויסער מיסיאָן. די געפאַר איז גרויס . . . ער גיבט א שפרונג אַרויס דורך דעם פענסטער, זיין פאַראשוט גיבט זיך שנעל א ברייט אויס, און ער פליט אַראָפּ פון אַ ריזיגער הויך, האַלטענדיג זיך פעסט און קרעפּטיגער מיט זיינע מעכטיגע הענט — דאָ הערט ער פלוצלינג א שרעקענדיגע שטימע פון זיין ווייבל אוניוועדסיאַ — וואָס איז מיט דיר דוד לייב? וואָס איז מיט דיר? און ווען דר" דוד לייב הירש־פוקס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף — האָט ער באַמערקט אז ער האָט צוריסן דעם זיידענעם שלאָף־מאַנטל פון זיין געליבטער ווייבל אוניוועדסיאַ, אָבער ער האָט זיך געפילט אז ער איז ניי געבוירן, און אז ער דאַרפט ריכטיג גומל בענטשן.

4. דער סימפּאָזיום ביי דעם יום-טוב פון תלמידים

דער אינסטיטוט פון מאָדערנעם געדאַנק האָט איינגע מאָל אַ יאָר אַ יום־טוב פון די תלמידים — ווען די סטודענטן אַליין טרעטן אויף מיט רעדעס און מיינונגען איבער פאַרשידענע פראַגן פון טאָג, און פון צייט אין אַלגעמיין.

עס האָבן שוין אַ רייע תלמידים געזאָגט זייערע מיינונגען, און געשפּראָכן איבער פאַרשידענע טעמען — און איצט האַלט משה אהרן קאָמפּאָס אין באַגעבן זיין קורצן פאָרטראַג.

— דאָס גרעסטע לאַנד געביט פון דעמאָקראַטישער ערא האָט זיך נישט באַלד אַנגעשלאָסן אין אונזער איצטיגן נייעסטן „וועלט צירקוס־קריג" — איך באַטיטעל די דאָזיגע מלחמה — „וועלט צירקוס מלחמה", ווייל עס האָט אַרום געכאַפּט אונזער גאַנצן פּלאַנעט אַרום און אַרום, און די שטרייטענדע קריגער מוזן אויך פיל מאָל ווירקן אַקראָבאַטיש — און זיין אויך גוט צוגעגרייט מיט גימנאַסטישע איבונגען און ספּעציאַליזאַציע — אין פאַרשידענע פאָרמען — דורך דער לופט — און אויף דעם ים, אויף בערג — און אויך אין טאָל, אין דער מדבר — און אויך אין וואַלד, און אזוי ווייטער . . .

דאָס מענטשלאַכע געפיל האָט צוריק געהאַלטן אונזערע קאָנ־טאַקטע נייע וועלטישע ספערן אריין צושפּרינגען אין דער קאַטאַסטראָ־פע, ווייל דעמאָקראַטישער כאַראַקטער איז באַזירט אויף הומאַנישע יסודות און גרונט פּרינציפּן פון מאָראַל און גערעכטיגקייט אין אַל־געמיין. מיר האָבן זיך געהאַלטן צוריק געצויגן — ווי ווייט מיר האָבן דאָס געקענט דערגרייכן. דאָס פאָלק און אונזער פּרעזידענט האָבן געפילט און געוואוסט וואָס עס מיינט מלחמה — און צו דעם גייט דער מענטש נישט אזוי ווי ער גייט צום טאַנץ.

אָבער אונזער דעמאָקראַטיש לאַנד האָט באַשלאָסן באַלד אין אָנפאַנג צו העלפן דעם גערעכטן צד, די באַפאַלענע פעלקער — מיט מיטלען — אַ קעגן זייערע פיינד, — מיט הילף — וואָס עס וועט נאָר מעגלאַך זיין, דאָס איז אַלזאָ מענטשלאַך מאָראַלישער חוב פון אַ דעמאָקראַטיש געוויסן.

וואָלטן די פיינד נאָר געהאַט אפילו אן עלעמענטאַרן כאַראַקטער פון גערעכטיגקייט און יושר — וואָלטן זיי באַדאַרפט אייַנזען — אַז זיי קענען נישט — און טאָרן נישט נעמען קיין געגנשטעלונג אַ קעגן די פאַראייניגטע שטאַאַטן — דערפאַר ווייל זיי העלפען די פעלקער זאָגאַר אַ קעגן זיי — ווייל נאָך דעם פּערספּעקטיוו פון מאָראַל און יושר — איז דאָס אַ ריכטיג אויסגעהאַלטענער שטאַנדפּונקט — וואָס עס זאָל נישט זיין — און וואָס עס זאָל נישט פּאַסירן, האָבן אָבער די דריי מלחמה ברענגער גענומען דעם פאַרברעכערישן גייסט פאַר זייער מאַטאָ — ווי גערעכטיגקייט און יושר האָט קיין פּלאַץ און קיין באַשטימונג. מיט דעם אַנגרייף און איבערפאַל וואָס יאַפּאַן האָט געמאַכט אויף פּערעל האַרבאָר — האָבן די קאָנטאַקטע ניי־וועלטישע ספערן איינגעזען אַז די מלחמה איז אויפן פּלאַץ, דער קאַמף מוז געפירט ווערן ביז צו דעם רעזולטאַט פון אַ געזיכערטן זיג, ביז צו דעם רעזולטאַט פון אַ געזיכערטן פרידן, און די פאַראייניגונג פון אַלע דעמאָקראַטישע וועלט־קרעפטן האָבן זיך באַפעסטיגט פאַר דעם דאָזיגן דורכפיר, פאַר דער אַלמענטשלאַכער מיסיע — פון אַ בעסערער לעבנס־דערגרייכונג — און אַ ריכטיגער וועלט.

דאָ האָט משה אהרן קאַמפּאַס פאַרענדיגט — און אַלע האָבן אים הערצלאַך אַפּלאַדירט.

דאָ האָט דר" הירשפּוקס פאַרגעשטעלט מרים פּערספּעקט — פאַר אַ קורצן פאַרטראַג — און מרים האָט אָנגעפאַנגען.

— עס איז נישטאָ קיין איין לאַנד וואָס זאָל זיין אַזוי פאַראייניגט מיט דער ברייטער וועלט— ווי די פאַראייניגטע שטאַאַטן — ערשטנס דערפאַר — ווייל עס איז אַ ניי לאַנד וואָס האָט אויפגענומען אויף זיך מענטשן — וואַנדער־פעלקער, זוכער פון עקזיסטענץ מעגלאַכקייטן, אַנטלויפער פון בייזן שיקזאַל, מחנות, שטאַמען, פאַמיליען — אַלע — אַלע — האָבן דאָ געפונען זייער היים און

רעזידענץ, און פון דאַנען שיקן אַלע הילף צו זייערע פאַרבליבענע נאָענטע און פאַמיליען אויף יענער זייט ים — אין יעדן ווינקל אויף דער ארומיגער וועלט, — דאָס איז דער ערשטער פונקט.

צווייטנס — האָט זיך דאָ געהויבן אַ העכערער לעבנס-באַגריף פון קאָמפאָרט און עלעמענטאַרע נויטיגקייט, די פראָדוקטיווע קלאַסן האָבן זיך אָרגאַניזירט פאַר אַ בעסערער — און אַ ריכטיגן לעבנס-באַגריף — אויף ווי ווייט עס איז נאָר — עלעמענטאַר — מעגלאָך געווען ביז איצט, עקאָנאָמיש און גייסטיג, דער אינדיווידום האָט זיך אָנגעהויבן פילן אַלס בירגער און מיטגליד פון דער רעגירונג און פון דעם פאָלק.

די טעכניק און די ציוויליזאַציע האָבן דאָ פראָדוצירט נייאיג-קייטען און ערפינדונגען וואָס האָבן אָנגעפאַנגען צירקולירן אויף אַלע קאָנטינענטן פון דער ברייטער וועלט, פון דאַנען ווערן אויסגעהאָלפן — פינאַנציעל — דורך קרעדיט, און אויך דורך פאַקטישער שטיצע — מיליאָנען נויטיגקייטן און אונטערנעמונגען אויף פילע נאָענטע און ווייטע געביטן פון לענדער, און פעלקער.

דריטנס — רעאַגירט די פאַראייניגטע שטאַאַטן אויף אַלע פאַר-סירונגען אין דעם זין פון פאַרמיטלונג צו אַ יושר'דיגן אויסגלייך, און צו אַ יושר'דיגן רעזולטאַט. דאָס מיינט אז דאָ איז נישט דאָ דער כאַראַקטער פון איגנאָראַנץ, דער כאַראַקטער פון הפקר גייסט, נאָר אין געגנטייל, כאַראַקטער פון געוויסן, איניציאַטיוו, און מענטש-לאַכער פאַמיליאַריטעט — אין ליידן און אין פריידן. דאַרום זאָלן מיר אַלע עהרן און רעספעקטירן די פאַראייניגטע שטאַאַטן — אַמעריקאַ.

דאָ האָט מרים פערספעקט פאַרענדיגט איר קורצן פאָרטראג, און אַלע האָבן באַגייסטערט אַפּלאָדירט.

איצט האָט דר" הירשפוקס געבעטן און געלאַדן דעם עולם זיך אויסצוזעצן ביי די שיין-געדעקטע טישן, פאַר דעם יום-טוב'דיגן צוזאמען זיין אין דער גזעלשאַפטלאַכער סביבה ביי געניס פון גוטער פרוכט, עפּל, בארן, ווייַנטרויבן, אָראַנזשן, פיינעם קוכן און גוטן שטרודל. עס פעלן אויך נישט אויס אייניגע פלאַשן מיט ווייַן פאַר דער געהויבענער שמחה. אין אייניגע מינוט זענען אַלע פאַרזאַמלטע אַרום די טישן, און די שטימונג איז יום-טוב'דיג, סאַליד, געלאַסן, אינטעליגענט. עס רעדן די געסט און די תלמידים צווישן זיך. דער

ווייך פינקלט אין די גלעזער און עס ווערט געקלאפּט פון גלאָז צו גלאָז — לחיים, לחיים, לחיים! די פּרוכט פאַרזוכט זיך און ווערט אויך נישט פאַרשעמט. עס זענען דאָ פאַרזאַמלט די פּרוכטן פון וויטע מקומות פון קאַליפאָרניען, פון פלאָרידאַ, און אויך פון ארץ־ישראל, און אַלע פאַנגען אָן צו זינגען דאָס ליד „דער יום־טוב פון די תלמידים":

מיר האָבן נישט —
אין זין — דעם כבוד,
כבוד און כיבודים.
— ביי אונזערן
אַ יום־טוב'ל,
אין יום־טוב
פון תלמידים . . .

אַ יעדער —
איז אַ נגיד דאָ,
אַלע גלייך נגידים.
ביי אונזערן
אַ יום־טוב'ל,
אין יום־טוב
פון תלמידים . . .

קאַפּיטאַל — מיינט —
גאָרנישט, גאָרנישט,
נאָר די ריכטיגע
לימודים.
דאָס איז גאָר
דער תוך, דער עסק,
ביי דעם יום־טוב
פון תלמידים . . .

דער כלל איז דאָ
געאַכט, געשעצט,
ווי אויך די יחידים,
ביי אונזערן
אַ יום־טוב'ל,
ביים יום־טוב
פון תלמידים . . .

אַ יעדער —
איז אַ נגיד דאָ,
אַלע גלייך נגידים.
ביי אונזערן
אַ יום־טוב'ל,
אין יום־טוב
פון תלמידים . . .

דר״ דוד לייב הירשפּוקס גיבט זיך אַ שטעל אויף ביי דעם ענד פון געזאַנג און פאנגט אָן:

— פאַרעהרטע פריינד! עס פרייד אונז זייער אייך אלעמען דאָ צו האָבן אלס געסט ביי דער דאָזיגער גרויסע שמחה. מיר האָבן היינט אויך דאָ צווישן אונז אייניגע באַרימטע פערזענלאכקייטן און פּאָפּולע־רע פיגורן פון אונזער אידישן קולטור־לעבן — און עס וועט אונז זיין אַ פאַרגעניגן — פון זיי צו הערן אייניגע ווערטער ביי דעם היינטיגן יום־טוב פון די תלמידים — און איך וועל פאר אייך פאַרשטעלן גאַר צום ערשט — דעם פּאָעט דעוורעמאַנסקי, וואָס איז איצט צוריק גע־קומען פון אַ גרויסע רייזע איבערן לאַנד. פּאָעט דעוורעמאַנסקי האָט געוואַנדערט דרייסיג טויזענט מייל וועגס איבער די שטאַאטן, קאַנאַדאַ, מעקסיקאָ — און באַזוכט אַ הונדערט שטעט — פאַרברייטענדיג זעקס טויזענט מיט פינף הונדערט ביכער פון זיינע ווערק — אויף די דאָ־זיגע ווייטע וועגן און מקומות, און מיר קענען זיך פאַרשטעלן אַז די ארבעט איז געווען שווער און גענוג אַנשטרענגענדיג — אַלזאָ — איך האָב דעם כבוד צו באַגריסן דעם דיכטער דעוורעמאַנסקי.

דער פּאָעט דעוורעמאַנסקי האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף מיט

אַ פאַרקלערט געזיכט, גאַרנישט וויסענדיג אַז ער וועט דאָ דאַרפן היינט רעדן פאַר דער געזעלשאַפט. מיר זעען ווי ער פאַרטראַכט זיך עטוואָס וועגן א טעמא, אָבער ער גיבט זיך אַ קאָנצענטריר אויף דעם מאָמענט — און ער פאַנגט אָן:

— פאַרעהרטע פריינד! ליבהאָבער פון אידישן וואָרט און פון דער אידישער קולטור. איך וועל אייך איבערגעבן אַ גרוס פון דער אידישער באַפעלקערונג פון איבעראל וואו איך בין געוועזן. איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן — קומענדיג אין קאָנטאַקט מיט אידישע מענטשען, יחידים, געזעלשאַפטן, פאַראיינען, ארבעטער רינג און נאַציאָנאַל פארבאַנד צוזאַמענקונפטן, ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען און מיט מענטשן פון אלע שאַטירונגען — גרופן און קרייזן. איך האָב באַקומען אַ גלויבן — אַז דורך טיכטיגע ווירקונג קענען מיר פיל אויפטוען אויף דעם געביט צו אונזער אידעאַליזם און קולטור אין אלגעמיין. נאַטירלאַך האָב איך אויך פיל מאָל געהאַט שלעכטע דערפאַרונגען פון פאַרדרוס, אָבער דאָס גוטע האָט זיך דערהויבן איבער דעם שלעכטן, און איך בין צופרידן מיט מיין ארבעט וואָס איך האָב פאַרלויפיג באַווירקט ביז היינט.

— גלייכצייטיג בין איך נאַטירלאַך אויך צופרידן וואָס איך האָב מיך באַקאַנט מיט אזא רייע שטעט ביי אונז אין די פאַראייניגטע שטאַאַטן און אויך עטוואָס אין די שכנה'שע לענדער. מיר האָבן שוין פיל מאָל געהערט ווי מאַנכע מענטשן פלעגן זאָגן — אַז ביי אונז אין די פאראייניגטע שטאַאַטן זענען אלע שטעט פון זעלבן כאראקטער און פון זעלבן אויסזען, פאָלגליך — אַז עס איז נישט אזוי אינטערעסאַנט ווי אין אנדערע לענדער, האָב איך מיך איבערצייגט, אַז די דאָזיגע מענטשן האָבן אַ גרויסן אירטום. איך האָב אין יעדער שטאָט געפונען א באַזונדער ארטיגן כאַראַקטער, אַן אייגענע אָריגינאַליטעט. איך האָב נעזען אַ וועלט אין אונזער גרויס אמעריקא. עס זענען דאָ ביי אונז פילע וואונדערלאכע דערשיינונגען פון נאַטור און טעכניק וואָס איך האָב דערווייל ביז היינט צו טאָג נאָך נישט דערגרייכט צו זעען און אויפצונעמען — אָבער אויף אזוי ווייט וואָס איך האָב שוין געזען ביז איצט — האָט עס מיר זיכער געגעבן אַ באַגייסטערונג און אויך א טוריסטישע באַלעבונג.

— אַלזאָ פאַרעהרטע פריינד! איך באַגריס אייך אלעמען דאָ,

און מיין בעסטן וואונטש פאַר אַ דערפאָלג אויף אלע געביטן.

דער עולם האָט אַפּלאָדירט און דער דיכטער האָט זיך פאַרנייגט און צוריק גענומען זיין פלאַץ.

דר״ הירשפּוקס האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף.

פאַרעהרטע פריינד! מיר האָבן דאָ אַ גאַסט אין אונזער געזעלשאַפט וואָס זיין געביט איז „קולטור פון שפראַך״. ער איז אימער פאַרנומען מיט דער קאַרעקטור פון אויסדרוק, פאַר דעם לייענער — ווי אויך פאַר דעם רעדנערישן פּראָבלעם. יעדער אות איז ביי אים ווי ביי אונזערע הייליגע סופרים פון דער אַלטער צייט, און די שפראַך — וואָלט ער געוואָלט זאָל זיין אזוי לויטער ווי די שפראַך פון אונזערע נביאים. — איך האָב דעם כבוד פאַר אייך פאָרצושטעלן — דר״ העלמאַן — דר״ פילאָלאָגיע.

אַ מיטל־געוואַקסענער מענטש מיט אויגן־גלעזער שטעלט זיך אויף פון אַ זייטיגן ווינקל — און פאַנגט אָן:

— פאַרעהרטע פריינד! די אידישע שפראַך האָט דערגרייכט שיינע פאָרמען — און האָט אין זיך מאָדערניזירט דעם כאַראַקטער פון אידישן פאָלק — און דעם אויפשטייג פון אונזער נייער ליטעראַטור, פון אונזער נייער פּאָעזיע, פאָלגליך דאַרפן מיר נישט פאַרגעסן אונזער אָנטייל אין דער אַלגעמיינער ווירקונג פאַר די ווייטערדיגע נויטווענדיגקייטן — אין דעם זין פון פּראָגרעס — דורך דער געגנוואַרט צו דער גליקלאַכער צוקונפט, ווייל מיר דאַרפן פאַראייניגן שפּראַך, געדאַנק, רעדנערישן אויסדרוק, שריפטלאַכע אַרט, אין האַרמאָניע מיט דער אַלגעמיינער קולטור. עס איז נאַטירלאַך אַן ענין וועגן וואָס מיר דאַרפן רעדן אַ לענגערע צייט, אָבער דער מאָמענט דערלויבט דאָס נישט איצט, וועט דאָס דערווייל זיין גענוג — איך דאַנק אייך.

דר״ הירשפּוקס אַפּלאָדירט צוזאַמען מיט דער געזעלשאַפט, און פאָלגלאַך — מיר האָבן ביי דעם היינטיגן תלמידים־יום־טוב אַ גאַסט — גאָר צום ערשטן מאָל. איך בין זיכער אַז אַלע פון אייך ווייסן אַז מיר האָבן אין אונזער אידישער שפראַך ווייניג קריטיקער, איז נאַטירלאַך — די קריטיק איבער אידישע ביכער, ליטעראַרישע דערשיינונגען, באַגרענעצט מיט אַ קאַרגער עקאָנאָמיע, זענען די רעזולטאַטן נישט קיין גינסטיגע פאַר דעם בוך, און פאַר דעם שעפּפער

פון בוך, פאַר דעם ווערק און פאַר דעם מייסטער. איך וועל מיר דערלויבן אויפצורופן דעם באַרימטן קריטיקער נח מבילעוויטש.

דר״ הירשפוקס אַפּלאַדירט צום אַרויסרוף און אַלע העלפן צו.

נח מבילעוויטש גיבט זיך לאַנגזאַם אַ שטעל אויף און קאַנצענטרירט זיך מיט פילאָזאָפישן געהאלט און מאַניער — און באַגינט. — ליבע פריינד! איך בין זיכער אַז איר ווייסט אַלע, אַז קריטיק איז אַ שווערער ענין. דער קריטיקער דאַרף צום ערשט גוט דעם בוך דורכלייענען, ריכטיג אַנאַליזירן, באַגרייפן די באַדייטונג פון ווערק — צי איז דאָס אַ ליטעראַרישער פּראָדוקט אָדער גאָר אַ שריפטשטעלערישער פּראָדוקט? צי קומט דאָס ווערק אין קאָנטאַקט מיט דעם סאָציאַלן לעבן? צי דער בוך רעאַגירט נאָר אויסשליסלאַך אויף דעם אינדיווידועלן געביט . . .

און ווייל דער ענין קריטיק איז אַ שווערער, דעריבער האָבן מיר ווייניג קריטיקער.

— עס זענען דאָ נאַטירלאַך אַ רייע שרייבער וואָס שרייבן פון צייט־צו־צייט אַ קריטיק, אָבער זיי זענען נאָך דערוויל נישט געוואָרען קיין באַרופ׳ס קריטיקער, און מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן אַז דער קריטיקער איז אויך נישט מער ווי אַ מענטש, און מוז אויך אַ מאָל שרייבן וועגן דער פּאָליטיק, וועגן די סאָציאַלע פראַגן — און בכלל וועגן ענינים פון אונזער טאָג־טעגלאכקייט, — קענען מיר אַלזאָ דערקלערן אַז די מיסיע פון קריטיק ווערט נישט ביי אונז פאַרפעלט דורך קאָרגער עקאָנאָמיע — נאָר פאַקטיש דאָדורך, ווייל מיר האָבן ווייניג קריטיקער. מיין קאָלעגע דר״ הירשפוקס האָט דאָס אויך באַלד באַטאָנט, און איך גלויב אַז ער האָט געטראָפן, איך דאַנק אייך.

דאָ האָט דער קריטיקער נח מבילעוויטש זיך פאַרבייגט און צוריק פאַרנומען זיין געהעריגן פּלאַץ.

דר״ הירשפוקס שטעלט זיך אויף — און אַ בייער געדאנק באַמערקט זיך אויף זיין געזיכט.

— ליבע פריינד! עס איז נישט אין טאָקט אַז איר זאָלט זיך היינטיגן אָוונט דורכאויס פאַרבעמען מיט זיך צוהערן צו אונזערע כסדר׳דיגע רעדעס, און אונזערע קליינע קורצע פאָרטראָגן, און איך האָב מורא אַז איר האָט זיך שוין פיליכט אָנגעהויבן עטוואָס לאַנג־

ווייליגען — איך וועל דארום עטוואָס איבערגיין צו אונזער קאָנצערט פּראָגראַם.

— מיר האָבן דאָ אונזערע תּלמידה — דבורה דערלאַנגער, וועל־כע וועט געבן אייניגע נומערן אויף דער וויאָלין — באַגלייט ביי דער פּיאַנאָ פון דער תּלמידה מרים פּערספּעקט.

די געזעלשאַפט אַפּלאָדירט מיט באַגייסטערונג.

מרים און דבורה זענען שיין און שלאַנק געוואַקסן. זיי פאַר־בויגען זיך — און נעמען זיך צו די אינסטרומענטן. נאָך אַ קורצען מאָמענט פון אויספּרובירן די טענער באַגינט די וויאָלין מיט פיינעם אַרטיסטישן פאַרנעם. די מעלאָדיען צעשוועבן זיך איבער דעם זאַל אין האַרמאָניע מיט אַ גוטער קינסטלערישער אַקאָמפּאַנימענט.

די געזעלשאַפט איז טיף באַווירקט פון דער מוזיקאַלישער קראַפט פון די צוויי יונגע אַרטיסטינס, און האָבן זיך באַגעבן מיט אויפמערקזאַמקייט.

מיר קענען צוגעבן, אַז די מענטשן זענען אויך מיט מוזיקאַ־לישער אינטעליגענץ — וואָס האָבן שוין געהערט גרויסע וועלט־באַרימטע ווירטואָזן אויף קאָנצערטן אין פאַרשידענע שטעט און לענדער.

פאַרענדיגט דעם ערשטן נומער, האָט די געזעלשאַפט אַפּלאָ־דירט מיט באַגייסטערונג — און די צוויי אַרטיסטינס האָבן זיך באַגעבן מיט נאָך אַ נומער — פון זייער מוזיקאַלישן רעפּערטואַר — וואָס האָט בישט ווייניגער באַגייסטערט דעם אַרטיסטישן אויפנעם פון דעם דאָזיגן קרייז פון צוהערער.

דאָ האָט זיך דר״ הירשפּוקס צוריק געגעבן אַ נעם אויף זיין פּאָזיציע.

— פאַרעהרטע געזעלשאַפט! מיר האָבן דאָ היינט מיט אונז אַ גאַסט — אַ שליח פון פּוילן — אַ באַקאַנטער פירער פון דאָרטיגן בונד — וועלכער וועט פאַר אייך דעקלאַמירן אַ געדיכט באַטיטעלט „די וועלט פאַרהדערבער״.

— איך האָב דעם כבוד פאַר אייך פאָרצושטעלן דעם גאַסט-פריינד רעוואָלטעוויטש.

נאָך אייניגע קורצע אַפּלאָדיסמענטן האָט זיך רעוואָלטעוויטש געגעבן אַ דערהויב פון זיין פּלאַץ און אָנגעפאַנגען מיט פּאַטהאָס און טעמפּעראַמענט.

„די וועלט פאַרדערבער"

אַ נייער באַרבאַר האָט זיך באַוויזן —
אין צוואַנציגסטן יאָרהונדערט פון אונזער צייט,
איבערטרעפט מיט ווילדקייט — פאַרגאַנגענהייטן —
און צו באַהערשן די וועלט איז ער געגרייט . . .

ער האָט זיך אויף דעם אידישן פאָלק פאַרנומען
מיט דער וואַמפּירישער ברוטאַלסטער געוואַלט,
דערקלערט זיך אַלס אַריער־כעמישער געשפּענסט —
פון דעם גרעסטן באַטריגערישן געשטאַלט . . .

פאַרשעמט די קולטור און ציוויליזאַציע —
און דערנידעריגט דעם פרייהייטלאַכן גייסט,
אַלע פעלקער פון דער וועלט באַ'גזל'ט —
דערגרייכטן פּראָגרעס — באַגראָבן און פאַרגרייזט . . .

דער מענטש ווערט ווי אַ מאַטעריאַל באַהאַנדלט —
צו די ערדישע עלעמענטן פאַרגלייכט,
לעבנס באַדייטונג פאַרקריפּלט, דערשלאָגן
אין אַ כאַאָס־ — פול מיט אומגליקן דערגרייכט . . .

אין געטאָ־קרימינאַל פון הונגער־ליידן —
באַצווינגט ער די אידן פון אידישן שטאַם,
באַרויבט זיי פון דערוואַרבענע הילפס מיטלען
און ער באַשענקט זיי מיט מתנות פון סם . . .

באַפאַלן די פילע פעלקער און לענדער
וואָס זענען צום פרידלאַכן לעבן גענייגט,
און האָט זיי מיט א גיהנום געריגגלט
מיט דינאַמישע באָמבעס — באַקרוינט און באַלייגט . . .

עס דעמאָנירן די גרויסע פאַרדערבער —
די שרעקלאַכע טייפלישע בעסטיעס — די דריי,

וואָס האָבן זייער געוויסן פאַרטריבן —
ווען עס אָרט שוין נישט — די וועלט זאָל פאַרביי . . .

קומען שוין העלדן — טיטאַנען — גיגאַנטן?
מיט ריזיגע מעכטיגע קרעפטן אין האַנט,
און גלייך באַקעמפן די טייפלישע בעסטיעס
און אויפלעבן וועלן פעלקער — מענטשן — און לאַנד . . .

און בליצן וועט דאַך — דער יושר און אמת —
דער געוויסן — געדאַנק — די וועלט — און דאָס גליק,
און שוין פאַרמיידן דאָס שלעכטע — דאָס בייזע,
מיט אַ טרייהייטלאכן באַוואכענדן בליק . . .

דאָ האָט רעוואָלטעוויטש פאַרענדיגט — און בראַוואָס האָבן זיך געהערט פון ארום און ארום.

רעוואָלטעוויטש האָט זיך צוויי מאָל פאַרבייגט און מיט טיפן אָנגעשטרענגטן ערנסט פאַרנומען זיין פלאַץ.

דאָ האָט דר״ הירשפוקס דערקלערט אז ער גיבט איצט איבער דעם פירערישן טייל פון ווייטערדיגן פראָגראַם צו זיין ווייבל — אוניוורסיאַ פאַטראַנאַטאַ.

אוניוורסיאַ האָט גלייך פאַרנומען דעם פלאַץ און האָט אָנגע־הויבן מיט אַ נייעם טאָן און אַ נייער שטימונג צו פירן דעם אָוונט.

— פאַרעהרטע פריינד! מיר האָבן דאָ ביים היינטיגן אָוונט אַ גאַסט, וועלכער איז אויך אַ פנים חדשות ביי אונז אין שטאָט — אַ מענטש — אַ פערזענלאכקייט, און דאָס איז נישט קיין אַנדערער, נאָר דער איינציגער — פראָפעסאָר שלאָגוואָרט . . .

אַלע אָפּלאָדירן און רופן: — בראַוואָ! בראַוואָ!

אוניוורסיאַ פאַרפאָלגט ווייטער:

— פאַרעהרטע פאַרזאַמלטע! מיר לעבן היינט אין אַן אומגינסטי־גער צייט. עס פאַסירן היינט אַזעלכע דערשיינונגען וואָס מיר האָבן זיך קיין מאָל ביז איצט נישט פאָרגעשטעלט אין אונזער געדאַנק, און אויך נישט אין דער פאַנטאַזיע. עס איז אויך אַ גאַר גרויסע קאַ־טאַסטראָפע פאַר דער אידעאַליסטישער שטרעבענדער מענטשהייט, וואָס האָט געקעמפט שוין יאָרהונדערטער, און האָט שוין דערוואָרט

פאַר דער היינטיגער עפּאָכע די רעזולטאַטן פון אַ בעסערער דער־גרייכונג, אַ נייעם לעבנס־אינהאַלט, און אַ נייע ערא פון פאַרנונפט און גערעכטיגקייט, און גוטסקייט אין אַלגעמיין — אָבער אויף דער דערוואַרטונג האָבן מיר גאָר היינט אַ באַמבען און אַ דינאַמיט עפּאָכע — אַלזאָ מיר האָבן זיך גוט דערוואַרט . . . קענען מיר אַלזאָ ריכטיג באַגרייפן אַז אויך די אידעאַליסטישע מענטשהייט לעבט דורך אַ טראַגישע באַגעבנהייט — און מוזן זיך אין דערזעלבער צייט נישט פאַרלירן — נאָר קרעפטיגן מיט מוט, ענערגיע, מיט געדאַנק, וויסן, מיט אַ גלויבן פאַר אונזער ווייטערדיגן קאַמף פאַר אונזער אייביגן אידעאַל און צוועק.

— אַלזאָ, פאַרעהרטע פאַרזאַמלטע! איך האָב דעם כבוד פאַר אייך פאַרצושטעלן דעם באַוואוסטן דענקער — פּראָפעסאָר שלאַג־וואָרט.

דאָ האָבן זיך ווידער געהערט איניגע בראַוואָס, און פּראָפעסאָר שלאַגוואָרט האָט זיך געגעבן אַ דערהויב פון זיין פּלאַץ און פאַרנומען דעם אויבן אָן צענטער. — מיר באַמערקן ווי דער פּראָפעסאָר גיבט זיך אַ קאָנצענטריר אויף דעם מאָמענט און באַגינט.

— פאַרעהרטע אויהדיענץ! די דערשיינונגען, באַגעבנהייטן, פּאַסירונגען פון אונזער געגנווערטיגער צייט באַווייזן דעם אידעאַליסטישען דענקער, דעם אינטעליגענטן פּערזאָן צו פיגורירן אַן אַלגעמיינע רעוויזיאָן איבער דער מענטשלאַכער ראָלע אין דער היינט־וועלטישער עקזיסטענץ. מיר קענען באַגרייפן אַז די דאָזיגע דער־שיינונגען פון דער היינטיגער צייט האַלטן נישט אויס דעם פּערספּעקטיף פון דעם באַגריף — דראַמאַ, און האַלטן אויך נישט אויס דעם פּערספּעקטיוו פון דעם באַגריף — טראַגעדיע. נאַטירלאַך באַגרייפן מיר אויך אַלע, אַז די היינטיגע דערשיינונגען זענען אויך נישט קיין קאָמעדיע, צו פיל אַרטיפיציעל און אַבנאָרמאַל און צופעליג האָבן זיך אַנטוויקלט די פאַלשע מעכאַניזירטע קרעפטן וואָס האָבן אַרויסגע־רופען די אַלגעמיינע קאַטאַסטראָפע, דעם אַלגעמיינעם אומגליק, און מיר קענען דעריבער אונזער צייט נישט דערהייבן צו די דאָזיגע דריי ליטערארישע באַגריפן.

— מיר קענען באַטירלאַך אויך נישט זאָגן, אַז די אורוועלט האָט געקענט געבוירן ווערן באַלד מיט אַ מאָראַל און אַ מעטאָדע

פון פאַרנונפט און גערעכטיגקייט. דערצו איז נויטיג געווען דער פּראָצעס פון טויזענטער יאָרן צו ראַפינירן אונזער באַגריף און זין, שכל און קלוגשאַפט, איניציאַטיוו און פירערשאַפט.

— די געגנוואַרט האָט שוין ביז היינט צו טאָג דערגרייכט אַן אַלוועלטלאַכן כאַראַקטער פון פאַמיליאַריטעט — ביז צו געוויסע גראַדן נאָך עלעמענטאַר און באַגרענעצט, אָבער דאָך קענען מיר שוין מיט זיכערקייט דערזעען דעם אָנפאַנג פון אַלמענטשלאַכע פאַר־בינדונגען — דעם רעזולטאַט פון פילע טויזענטער יאָרן פּראָגרעס און ציוויליזאַציע. אָבער עס ליגן נאָך טיף באַגראָבן די פּרימיטיווע אורוועלט קרעפטן פון דעם בייזן פיינדלאַכן גייסט וואָס הייבן זיך פון צייט-צו־צייט אַרויס אַ קעגן דעם גאַנג פון דעם דעמאָקראַטישן וועלט פּראָגרעס — אַ קעגן דעם גאַנג פון דער ריכטיקער וועלט-אי־דייע. יאַפּאַן האָט אויפגעכאַפּט די טעכניק און די ציוויליזאַציע, געווען אַ פלייסיגער תלמיד — אָבער אין כאַראַקטער — אין גייסט — אין דער אינטעליגענץ — פּרימיטיוו, באַרבאַריש, און צוריקגע־שטאַנען — האָבן מיט דער גרעסטער געוויסנלאָזיגקייט פאַרפירט דעם קריג מיט כינא, שפּעטער דערלויבט זיך אַ לאַנד וואָס פּרע־טענדירט שוין אויף גרעסערע מענטשלאַכע און קולטורעלע פּרע־טענזיעס צו פאַרפירן אַ מלחמה מיט עטיאָפּיע.

— נאָך דעם דערלויבט זיך אַ פאָלק, וועלכעס פּרעטענדירט צו האָבן די גרעסטע פּרעטענזיעס אויף קולטור און ציוויליזאַציע, צו באַפאַלן אַ רייע פעלקער און לענדער נישט נעמענדיג אין באַטראַכט דעם פאַמיליאַרן געוויסן פון דער אַרומיגער וועלט און די באָענטע שכנים פון די באַפאַלענע פעלקער.

— די אָנגרייפער האָבן פילע הונדערטער יאָרן קולטיווירט מלחמה מיליטאַריזם — אַזאַ פאָלק איז זיכער דער שונא פון פרידן און רואיגקייט, דער פיינד פון לעבנס־קולטור — פון מענטשלאַכע פאַרמען — פון באַלאַנס און גלייכגעוויכט.

— קענען מיר אַלזאָ מיט זיכערקייט מיטפילן די ענגלישע מאָ־ראַלישע פּאָזיציע — און די איניציאַטיווע פון דעם ענגלישן פאָלק. דאָס ענגלישע פאָלק איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם מענטש־לאַכען פאַמיליאַרן געוויסן צו זיינע שכנים — און דערקלערט דעם קריג אַ קעגן די באַפאַלער און מלחמה׳דיגע אָנגרייפער.

— מיר קענען דאָ איינזעען אויך וואָרום דאָס טיכטיגע קאַנאַדאַ

האָט אויך גלייך גענומען די מאָראַלישע פּאָזיציע אין האַרמאָניע — אין אײנקלאַנג מיט דעם ענגלישן פֿאָלק זייט־ביי־זייט.

— דאָס איז געווען אַן אומפאַרמײדלאַכקייט — דער געדולד איז שוין געווען צו פיל באַלאָדן מיט שווער געוויכט פון דער אַנגרייפע־רישע חוצפּה און באַרבאַריי.

— עס זענען געוויס באַקאַנט די קאַטאַסטראָפאַלע רעזולטאַטן פון אַ רייע קרעפטן וואָס האָבן אויך באַלד דערקלערט אַ מלחמה קעגן די אַנגרייפער — און האָבן זיך צום באַדויערן פאַרנומען אויף שלעכטע וועגן — באַצווינגען — אָדער פאַרפירט צי פון אייגענע ביקוויליגקייט?

— איך וועל דאָ איצט פאַרביי לאָזן דעם מאָמענט און וועל מיך אָפּשטעלן אויף דער גרויסער אַמעריקאַנישער ראָלע און אונזער וועלטלאַכן קאָנפליקט.

— די פאַראײניגטע שטאַאַטן אלס דעמאָקראַטיש לאַנד באַגרייפט וואָס עס מיינט מלחמה. אויך זענען די פאַראײניגטע שטאַאַטן נישט אַזעלכע נאָענטע געאָגראַפישע שכנים מיט די אייראָפּעאישע לענ־דער ווי ענגלאַנד און האָט דארום באַלד נישט געקענט רעאַגירן אַזוי ווי דאָס ענגלישע פאָלק.

— צווייטנס, איז די אַמעריקאַנישע באַפעלקערונג אַ פאַראײ־ניגונג פון פיל באַשטימטע טיילן פון אַלע פעלקער פון דער ארומיגער וועלט — און אַן אײנהייטלאַכע שטעלונג מוז פאַרנעמען אַ באַשטימ־טע צייט פון צוגרייטונג און אָרגאַניזאַציאָן.

— דריטנס, איז אַמעריקא אַ ריזיג גרויס לאַנד—אַ וועלט פאַר זיך — און איז דאַדורך געגוויטיגט פאַר גרעסערער באַלאַנסירטער צייט און געדולד. אויך דאַרפן מיר נישט פאַרגעסן אַז אַמעריקא האָט עקספּערימענטירט דורך דעמאָקראַטיש מענטשלאַכע מיסיע — די מלחמה, פיליכט מעגלאַך צו פאַרמיידן, וואָס דאָס האָט זיך לײדער נישט אײנגעגעבן.

— אַמעריקא האָט אַלזאָ באַלד גענומען מאָראַלישע פּאָזיציע און אָנגעהויבן העלפן די אָנגעגריפענע פעלקער — דורך איבער־געבען זיי מיטלען צו פאַרטיידיגונג דורך קאַמפּס־געווער און דורך אַנדערע נויטיגע מיטלען וואָס איז נויטיג אין אַזאַ אומגינסטיגער צייט.

— אַ גערעכטער האַנדלונג פון העכסטן מאָראַלישן באַגריף. דאָס איז אָבער נישט געפעלן געוואָרן די דריי אייניגקייט — ביי וועמען מאָראַל האָט קיין באַדייטונג און קיין ווערט — און האָבן זיך אָנגעהויבן שטעלן קעגן די אַמעריקאַנישע באַשטימונגען און דורכפירונגען.

— פאַקטיש אָנגעפאַנגען אַן אומדירעקטן קריג געגן די פאַר־אייניגטע שטאַטן.

— דער פרימיטיווער ווילדער באַרבאַרישער איבערפאַל אויף פערל האַרבאָר — האָט באַוויזן — אַז אַמעריקא מוז אויפנעמען די מלחמה מיט די מעכטיגסטע קראַפט אַ קעגן די בעסטיאַלישע אומגערעכטיגקייט און טייפלישע דעמאָניע. עס האָבן זיך פילע פעלקער און לענדער פאַראייניגט אין סימפּאַטי מיט גרויס אַמעריקא — און די וועלט־מלחמה איז אין פולן גאַנג — די מענטשלאַכע קאַטאַסטראָפע — די גרעסטע אין דער געשיכטע.

— דער העראָאישער קאַמף פון דעם סאָוויעט געגן דעם שונא איז אויך פון געוואַלטיגער מעכטיגקייט און ריזיגער קראַפט וואָס באַגלויבן אויך דעם זיג פון די דעמאָקראַטישע וועלט־כוחות איבער די טייפלישע דריי אייניגקייט אין אלגעמיין.

— די טייפלישע דריי אייניגקייט באַגערן נישט נאָר די אוצרות פון דעם סאָוויעט — נאָר אויך די פילע מיליאָנען פון זייער מענטשנ־טום — צו באַהערשן און צו באַצווינגען צום מעדיום פאַר זייערע אַמביציעס, פאַר זייערע דיקטאַטאָרישע דערגרייכונגען.

— דאָס סאָוועטישע פאָלק באַגרייפט דעם ענין און איז זיי מכבד מיט הערקולעסישע קולאַקן. און ווען דער טאָג פון גרויסן זיג וועט טריאומפירן דורך די פאַראייניגטע דעמאָקראַטישע וועלט־קרעפטן, וועט אַ נייע ערע געבוירן ווערן, און אַ נייער פּראָגראַם וועט זיך קולטור־ארטיג מאַניפעסטירן.

— ווי אַזוי קענען מיר זיך פאָרשטעלן דעם נייעם פּראָגראַם פון דער צוקונפט, וואָס זאָל באַלאַנסירן און אָרגאַניזירן די וועלט־לאַכע מדרגה אויף אַלע צייטן — צו פאַרמיידן מלחמה און קאַטאַסט־ראָפען אין אלגעמיין? ווי אזוי זאָלן די דעמאָקראַטישע וועלט-קרעפ־טען רעאַגירן אין דעם קאָמפּליצירטן מאָמענט, ווען דער קריג וועט זיך ענדיגן?

— מיר באַגרייפן אַז די גרעסטע דענקער, פּאָליטיקער, רע־

גירונגס-מענטשן װעלן דארפן זיין אויף דער װאך — און אייג־שטעלן נארמאלע באדינגונגען פון פארנונפט צו גערעכטיקייט און יושר — פאר א רענעסאנס — און פאר א נייעם לעבן.

— װייטער װעלן מיר דארפן אויספארשן דורך די גרעסטע געניאלסטע מעדיומס — אלע פאסירונגען און טייפלישע אקטן װאס זענען באגאנגען געװארן געגן דעם מענטשן באזונדער — און געגן די פעלקער אין אלגעמיין. און דאס װעט מוזן זייער גרינדלאך און קארעקט פארצייכנט װערן פאר דעם אויפנעם אין א קאלאסאלן פאר־מירטען װעלט-געריכט — װי עס װעלן זיין פארטרעטן די גרעסטע ריכטער, דענקער, װיסנשאפטסלייט, פסיכאלאגן, רעגירונגס־עקס־פערטען און מאראלישע פענאמענען פון דער לאגיש געפריפטער קאנסעקװענץ.

— עס װעט נאטירלאך געדויערן פילע יארן דער דאזיגער דין וחשבון און גרעסטער פראצעס פון אלע פארגאנגענהייטן — אבער עס װעט זיין פון דער װיכטיגסטער געװאלטיגסטער נויטיגקייט פאר דער נייער רעאלער װעלט־איינשטעלונג. דער הפקר־גייסט און די אװאנטורישע מלחמה פעלקער װעלן זיין באצװינגען פאר דעם דין וחשבון אין דעם קאלאסאלן װעלט-געריכט פון דערגרייכטער מענטש־לאכער און געטלאכער אינטעליגענץ.

— גלייכצייטיג — אין דער זעלבער צייט — װעלן מוזן אויפ־קומען צװיי אינטערנאציאנאלע פארלאמענטן, אויף אן אלװעלטלאכן און אל-לענדישער קאנצענטראציאן װאס זאל ארום נעמען אלע פונקטן פון דער ברייטער גרויסער װעלט. א פאליטישער פארלאמענט, און אן עקאנאמישער פארלאמענט. דורך די צװיי פארלאמענטן װי עס װעלן זיך פארזאמלען די טרעפלאכסטע פארטרעטער פון פאליטישן און עקאנאמישן געביט — װעלן זיך דארפן רעאליזירן און קומען צו א קלארן פארנונפטיגן יושר׳דיגן רעזולטאט — אלע פראגן און פראבלעמען פון אינדיװידועלן און געזעלשאפטלאכן לעבן — אין אלע פארמען פון עקזיסטענץ. די פראדוקטיװיטעט — און דער אויסברענג — און אויסברייט פון די פראדוקטן פון אלע לענדער — װעלן מוזן סיסטעמאטיש ארגאניזירט װערן און אפגעשלאגן פון כאאס און מעגלאכער קאנקורענץ, — נעמלאך דורך די צװיי באַרו־פענע פארלאמענטארישע פארטרעטונגען און באשטימונגען.

— אויב עס וועלן זיין קאָנפליקטן? וועלן אויך מוזן זיין די לאָגישע ספּעציאַליסטן — און אויסגלייכער־עקספּערטן וואָס זאָלן די קאָנפליקטן באַזייטיקן. די אינדיווידואַליזירונג פון די פעלקער וועט אויך קענען אויפנעמען דעם אַל־פּאַראַייניגונג — ווי אויך דעם כאַראַקטער פון דער נויטיגער סאָציאַליזירונג — אין אַלגעמיין.

— דער מאָמענט וועט באַשאַפן אַ נייעם פּסיכאָגראַפישן און געאָגראַפישן אַטלאַס — וואָס וועט צייכענען די מעטאָדן און וועגן פון דער נייער קולטורישער עקזיסטענץ.

— מלחמה וועט נישט קענען פאַרנעמען קיין פּלאַץ — און וועט זיך נישט דערוועגן צו באַווייזן אויף אונזער געוויסן — און עקזיס־טענץ באַרעכטיגונג. דעם ווערט — און באַדייטונג פון דעם מענטש — און זיין לעבנס וויכטיגקייט — מוז געלערנט ווערן און אויף גענומען ווערן אויף דער ברייטער גרויסער וועלט — אין בעסטן זין פון וואָרט.

יעדע פינף יאָר וועט מוזן זיין דער קאָנגרעס פון דעם אַל־פעלקערישן פאַרבאַנד, דורך דעם דאָזיגן קאָנטאַקט — וועט זיך אויך אַנטוויקלען און קרעפטיגן דער פאַמיליאַרער כאַראַקטער פון פאָלק צו פאָלק — און דער מענטשהייט אין אַלגעמיין. מיר קענען באַגרייפן — אַז דער פּאָליטישער פּאַרלאַמענט וועט אויך דאַרפן האָבן די מיסיע — און די ראָלע אויף זיך צו געאָגראַפירן און פּאָ־ליטיש עטאַבלירן די פעלקער ווען די פאַרגאַנגענהייט און די גע־שיכטע האָט באַרויבט און אַרונטער געפירט פון די רעלסן פון זייער נאַציאָנאַלן לעבנס־מאַרש.

— עס וועט זיין אַ פרייער מאַניפעסט פון קאָסמאָפּאָליטישע באַ־גרינדונגען — און אויך — נאַציאָנאַלע דורכפירונגען. און אויב נויטיג וועט זיך פילייכט פאַראייניגן דער קאָסמאָפּאָליטיזם מיט דעם מאָדערנעם ראַפינירטן טעאָרעטישן נאַציאָנאַליזם.

— דער סענטימענט און געפיל פון גרויסע טיילן פון דעם אי־דישען פאָלק וואָס באַשטרעבן און באַגערן ארץ ישראל אַלס זייער היים — מיט אַן אייגענער פּאָליטיש — עקאָנאָמיש — אינדיווידוע־לער קאָנסטיטוציאָן — דאַרפט זיך אַן שווערינקייטן רעאַליזירן. און דאָס אידישע פאָלק וועט אויך קענען צוריק בליקן אויף זיין מאַרטירער פאַרגאַנגענהייט פון טויזענטער יאָרן און קומען אין

קאָנטאָקט מיט דעם נייעם לעבן, מיט די נייע רענעסאַנס — און ווירקן מיט אַלע פעלקער צוזאַמען — אויך פאַר דעם אַלגעמיינעם גליק — פון פרייהייט, גערעכטיגקייט און מענטשלאַכקייט.

— די אַנדערע טיילן פון אידישן פאָלק וואָס וועלן זיך באַ־גרינדן קאָסמאָפּאָליטיש אין פאַרשידענע לענדער פון דער ברייטער וועלט — וועלן נאַטירלאַך מער אָדער ווייניגער אויך קענען האָבן אַן אידעאַלע פאַרבינדונג און א סימפּאַטישן קאָנטאַקט מיט — ארץ־ישראל און מיט דעם אידישן פאָלק — און די אידישע קולטור.

דאָ האָט פּראָפעסאָר שלאָגוואָרט פאַרענדיגט זיין קליינעם פאָרטראַג — און זיך פאַרנויגט פאַר דער געזעלשאַפט, וואָס האָט אים באגייסטערט אַפּלאַדירט.

מיט אַן אַלגעמיינעם געזאַנג פון דער אמעריקאַנער הימנע און התקוה איז זיך דער עולם לאַנגזאַם פאַרנאַנדער געגאַנגען, מיט אַ גוטן געדאַנק אין קורצן צו קומען צו אַ נעקסטן יום טוב פון די תלמידים, צו אַ נייעם יום טוב פון דער געזעלשאַפט אין אַלגעמיין.

5. דער פאַנטאַסטישער צוקונפט־טרעפער

אין פאַרלויף פון גאָר אַ קורצער צייט האָבן זיך דערוויל רעאַליזירט אייניגע כאַראַקטעריסטישע באַגעבנהייטן.

פראָפעסאָר „שלאָגוואָרט" האָט זיך פאַראייניגט מיט מרים פערספעקט — דורך אַ מאָדערנער ראָמאַנטישער ליבע, און משה אַהרן קאָמפּאַס האָט זיך פאַראייניגט מיט דבורה דערלאַנגער — דורך אַן עוואָלוציאָנערער קלאַסישער ליבע.

און אַלע געפינען זיך איצט אין דער נייער היים פון פראָפעסאָר — אויף דער אַמבאַסאַדאָר עווענין — אין וועסטלאַכן גאָרטן וועג.

ווען איך זאָג דאָ אַלע — מיינט עס איצט נאָר די אייגענטלאַכע באַטרעפענדע פערזאָנען — דר" הירשפּוקס מיט אוניווערסיאַ פּאַטראָנאַטאַ, משה אהרן קאָמפּאַס מיט דבורה דערלאַנגער, און פראָפעסאָר שלאָגוואָרט מיט מרים פערספעקט. זיי זיצן אַרום דעם שיינעם יום־טוב'דיגן טיש פון כל־טוב און אייניגע פלאַשן מיט גוטן וויין פינקלען און רופן צום עפּיקורישן געניס.

אויף דער ראַדיאָ — הערט זיך אַ לויטערער שטימע — איך בין דאָ — ווער איז דאָ? דער פאַנטאַסטישער צוקונפט־טרעפער איז דאָ — איז אויף דער ראַדיאָ . . .

— מיינע פאַרעהרטע פריינד! מיינע צוהערער!

— די נייע וועלט־דראַמאַ וועט אין קורצן זיך דראַמאַטיזירן אויף אונזער גרויסער בינע, אין אונזער קאָלאָסאַלן וועלט־טעאַטער פון קאָנטינענטן און לענדער — אונטער די רעזשי פון קאָסמישע רעזשיסאָרען . . . און ריכטיג וועט זיך מאַניפעסטירן דער נייער רעאַלער קאָנקרעטער לעבנס אויפנעם. די פעלקער וועלן ווערן פאַראייניגט

ווי קינסטלער פון אַ סימפּאָנישן אָרקעסטער. און יעדעס פאָלק וועט קענען ברענגען צום וועלט־באַרוף — זיינע אייגענטלאכע קולטורישע אוצרות, זיין אייגענטלאכן אַרטיסטישן פענאָמענאָם — וואָס וועט ווערן אויפגענומען מיט גרויס אַכטונג און רעספּעקט אין דעם מוזעאום פון ריכטיגן באַגריף און וויסענשאַפטלאכן ווערט.

— מיינע פאַרעהרטע פריינד! מיינע צוהערער! די וועלט וועט ווערן דער גן־עדן — ווענן וואָס אַלע פעלקער און מענטשן האָבן געטרוימט און געטראַכט און באַגערט שוין פילע פאַרפלויגענע טויזענטער יאָרן פאַרגאַנגענהייטן. און גאָט אַליין וועט אויך זיין צופרידן פון דער געטלאַכער קאָנסעקוועבץ אין דער דאָזיגער דערגרייכונג.

— ער וועט זיין צופרידן איבער זיין קאָלאָסאַלער וועלט־שעפּ־פונג . . .

— און מיר אַלע פעלקער וועלן זיין צופרידן אין אונזער גליקלאכען לעבנס־עקזיסטענץ — אין אַ וועלט פון העכסטער מדרגה — דורך דער רעזשי און מייסטערשאַפט פון אונזערער מענטשלאַכער און איבערמענטשלאַכער קראַפט.

דאָ האָט זיך געהערט אַ פיינער מוזיקאַלישער לענגלאכער קלאַנג — און אַ לויטערער שטימע האָט באַטאָנט — שטימט אָן אייער ראַדיאָ — יעדן מיטוואָך און שבת אָוונט — זיבן דרייסיג — איך דאַנק אייך.

פּראָפעסאָר שלאָגוואָרט האָט באַמערקט — מיר שיינט אַז דער זעלבער פערזאָן וואָס רופט זיך דער „פאַנטאַסטישער היסטאָריקער" איז אויך דער „פאַנטאַסטישער צוקונפט־טרעפער".

אוניווערסיאַ האָט באַלד דערווידערט — זיכער איז דאָס דער זעלבער פערזאָן — דאָס איז קיין סוד, אַלע וואָס פאָלגן נאָך די ראַדיאָ פּראָגראַמען ווייסן דאָס.

דאָ האָט דר" הירשפוקס צוגעגעבן — דאָס איז אַ נייער פּראָגראַם — וויל דער ציקלוס פון די „פאַנטאַסטישע געשיכטן" האָבן זיך פאַרענדיגט, און דער באַטרעפענדער ראַדיאָ פענאָמען האָט זיך געשאַפן אַ נייעם פּראָספּעקט פאַר זיינע פריינדלאכע צוהערער, און פאַר זיינע גלויביגע ראַדיאָ נאָכפאָלגער.

משה אהרן קאָמפּאַס גיבט אַ בליק אויף זיין גאָלדענעם זייגער — און גיבט אַ רוף אויס — פריינד. די אָפּערע באַגינט אכט דרייסיג.

אַלע גיבן זיך אַ שטעל אויף און באַוועגן זיך אַרויס צום אויטאָ־מאָביל וואָס פירט די אינטימע יונגע געזעלשאַפט צו דער פּרעמיערע פון דער נייער גרויסער אָפּערע.



איינגע אויטאָביאָגראַפישע פונקטן

איך בין געבוירן אין פוילן, אין נאָענטע אומגעבונג פון שטאָט קעלץ. דער טאָג און דאָס יאָר איז נישט געוואָרן באַהאַלטן צום געדענקען, פיליכט קען זיך מיין געבורט־יאָר באַשטימען (ווי מיר שיינט) אויף דעם יאָר 1887. אין מאַגיסטראַט איז עס דאַטירט 1885. קעלץ די שטאָט וואו איך האָב מיך אויפגעהאַלטן ביז דעם צוואַנציגסטן יאָר איז אַ סימפּאַטישע רואיגע קליינע שטאָט, מיט שיינע וועלדער און לאַנדשאַפטן אַרומעגרינגלט, און נישט אַזוי סימפּאַטיש און גוט זיינען געוועזן מיינע צייטן דאָרט — אַזוי ווי זיי זיינען געוועזן אויך גאָר שלעכט אין מאַנכע אַנדערע לענדער אויף מיינע וואַנדערונגען.

זייענדיג קורצע צייטן אין לאָדז און אויך אין וואַרשאַ — האָב איך ביי דעם אומגינסטיגן רעזשים פון יענער צייט באַשלאָסן אַפּצופאָרן נאָך לאָנדאָן (ענגלאַנד). איך האָב מיך עטוואָס דערוואוסט איבער די ראַדיקאַלע אידעאַליסטישע ווירקונג פון פּרעסע און בוך צו יענער צייט אין לאָנדאָן און אויך אַביסל וועגן די מער פרייהייטלאכע אַטמאָספּערע דאָרט, און עס האָט מיך דאַרום געצויגן דאָרט אהין. אין לאָנדאָן האָב איך פאַרבראַכט זעקס חדשים, אַפּגעפאָרן נאָך פּאַריז — די היימישע אַטמאָספּערע פון פראַנקרייך האָט געמילדערט מיין איינזאַמע שטימונג פון יענער צייט, און מיט אַ יאָר שפּעטער בין איך נאָך דעם באַגער פון מיין מוטער און פאָטער (האָבנדיג קרובֿים אין ניו־יאָרק) אַפּגערייזט נאָך די פאַראייניגטע שטאַאַטן קיין ניו־יאָרק. איך האָב אָבער געבענקט נאָך פּאַריז און בין מיט אַ יאָר און אַ האַלב שפּעטער צוריק אַפּגעפאָרן קיין פּאַריז, דאָ האָבן זיך מיינע שווערע צייטן אויך אַביסל פאַרשאַרפט קומענדיג אין קאָנטראַסט מיט רעאַלע נויטיגקייטן. איך האָב באַגערט דענקען, טראַכטן, לעזן, שרייבן, שטודירן קונסט און ליטעראַטור, און דאָ בין איך געוועזן געצוואונגען ארבעטן, האָט פיל מאָל פּאַסירט אַז איך האָב פאַרלאָזט די ארבעט און בין אַוועק אין די גערטנער פון פּאַריז מיט ניטשעס זאַראַטוסטראַ אָדער מיט ביכער פון שעקספּיר, געטהע, הענריך היינע, באָדלער, י. ל. פּרץ, לאָרד בייראָן און אַזוי ווייטער.

איך בין דאַמאָלסט אויך איינגעלאָדן געוואָרן זיך אָנצושליסן אַלס מיטגליד פון אידישן סטודענטן פאַראיין, וואָס האָבן געהאַט אַ קלוב מיט אַ ביבליאָטעק אין לאַטייניש קוואַרטאַל, זיינען מיר זיך דאָרטן טעגלאַך צוזאַמענגעקומען אין אַן אינטעליגענטע אַטמאָספערע. פון צייט צו צייט זיינען געווען אָוונטן, ליטעראַרישע און קאָנצערטיסטישע. געוואוינט האָב איך אויך אין לאַטיינישן קוואַרטאַל, אין אַ קליינעם האָטעל געגן איבער דעם גרויסן סאָרבאָן, וואו איך בין אויך פון צייט צו צייט געקומען אין דער סאָרבאָן ביבליאָטעק און געלעזן ליי־טעראַטור און אויך זיך באַקאַנט מיט סטודענטן פון אינטערנאַציאָנאַ־לער פאַרשידנאַרט, אויך בין איך מיר אָפט צוזאַמענגעקומען מיט דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ, ווערנדיג אויך באַווירקט פון דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג און אַטמאָספערע פון יענער צייט.

און מיט אַמאָל האָב איך אָנגעהויבן בענקען נאָך פאָעטישע שיינהייטן פון לענדלאַכקייט, און איך האָב אויפגעגעבן מיין פּאָזיציע פון אַרבעט וואָס איך האָב דאַמאָלסט גראָד געהאַט און בין אוועק נאָך דער שווייץ, אויך דאָ איז דער האָניג פון מענטשלאַכער עקזיסטענץ פאַר מיר געווען אַ ביטערער גענוס, דאָך האָב איך פערזענלאַך מאָ־נעווירט, מיט פוס מאַרשירט און אַמאָל מיט באַן אין מאָנכע שיינע פלעצער אין דער גרויסער נאַטור פון שווייצער־לאַנד.

אַלזאָ צוריק קיין פּאַריז און ווידער געוואַנדערט נאָך דייטש־לאַנד, עסטרייך און פאַר גרויס פאַרצווייפלונג צוריק קיין פוילן, וואָס איך האָב מיך פאַרטראַכט אַז איך וועל אפשר פריי ווערן פון פריזיוו און וועל אזוי נאָך פיליכט אויסבעסערן מיין מדרגה, און טראָץ דעם וואָס איך האָב מיך צוגעשטעלט צום פריזיוו מיט פינף יאָר שפּעטער איז נישט געווען מער ווי איין קלייניגקייט — גאָדיען — פּריניאָט (צוגענומען).

איך האָב מיך אַריבערגעכאַפּט די גרענעץ צוריק קיין אויסלאַנד, און מיינע אַ שוועסטער האָט מיר אויסגעהאָלפן מיט אַ שיפסקאַרטע און האָב אָפּגערייזט אין יאָר 1913 צוריק נאָך אַמעריקאָ, ניו־יאָרק.

איצט ווידער — די ערשטע אייניגע יאָרן בין איך געווען דער מאַרטירער פער עקסעלענץ — איך האָב מיך אַלזאָ דערוואוסט ווי ווייט עס קען שלעכט זיין. עס האָבן זיך אָנגעהויבן וויזן בעסערע צייטן פון פינאַנץ, איך האָב געפונען גיכער אַרבעט און האָב מיר פון

צייט צו צייט אָנגעזאַמלט קאַפּיטאַל און האָב מיר יום־טוב געמאַכט, געוואָרן אַ טוריסט פון צייט צו צייט און באַזוכט אייראָפּאַ, פּאַריז, בערלין, ווין, וואַרשאַ, איטאַליען, שפּאַניען און די פראַנצויזישע רי־וויעראַ, און האָב מיך אָנגעהויבן פילן מעשה מענטש, באַקומען אַביסל וועלטלאַכן קאָנטאַקט און אביסל אויס די גערטנער פון מילדקייט און ליכטיגקייט, וואָס איך האָב באַטירלאַך אויך מיט אייגענע אָנשטרענ־גונג און איניציאַטיווע אויף אַזוי ווייט פאַר מיר געקענט רעאַליזירן.

פון יאָר 1913 — האַלט איך מיך אויף אין שטאָט ניו־יאָרק. אין יאָר 1929 בין איך געוואָרן אַ בירגער פון די פאַראייניגטע שטאַאַטן.

און פון יאָר 1921 ביז 1932 געוועזן פיר מאָל אין אייראָפּאַ — ווי איך האָב געוויילט לענגערע צייטן, צוזאַמען גענומען — איז דאָס קנאַפּע פיר יאָר אַלס אַן אַמעריקאַנער טוריסט אין פאַרשידענע לענ־דער פון דעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט.

די דערשיינונגען פון מיינע ווערק

1916 — אין גארטן פון טרוים.

1917 — פעלזן קלאנגען.

1919 — דער שטורעם פון בלויער בענקשאפט.

1922 — דער ספעקטאקל פון די פיראמידן.

1929 — אלטע מענטשן ווערן יונג.

1935 — אויף גרויסער וועלט.

1936 — אויף די רעלסן פון אידעאלן.

1939 — דער גאלדענער טריאומף.

אין דעם דאזיגן בוך — באטיטעלט „דורך בליץ און וואל-קענס” וואס דערשיינט צום יאר 1943 — איז געשילדערט אונ-זערער א געוויסער היינט-צייטיגער ספערע אין אן אידעאליזיר-טען פארם. — עס איז אלזא פאנטאזיע און ווירקלאכקייט.